STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08121

RU UN UMRU

Melech Chmelnitzki

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלך כמעלניצקי

רו און אומרו

אַרויסגעגעבן פון
דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד
ניו-יאָרק, נ. י., 1948

מלך כמעלניצקי
רו און
אומרו

דערשיינט אין 900 עקזעמפּליאַרן.
געדרוקט אין גרעניטש פּרינטינג קאָרפּ., ניו-יאָרק.
הויפּט-פאַרקויף: „צוקונפט”-ביכער-אַגענטור.
פאָדערבלעטער און באַצירונגען פון ב. קאַפּמאַן.
אַ וואָרט פון אַ תלמיד — פון מלך ראַוויטש
נאָכוואָרט פון מענדל גייגרעשל.

Copyright
by
David Ignatoff
Literary Foundation, Inc.
1948, New York, N. Y.

מלך במעלניצקי

1946—1885

אַ וואָרט פון אַ תלמיד

מלך כמעלניצקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1885 אין קאָנסטאַנטי־
נאָווקע אין דער קיעווער גובערניע, זינט זיין ניינטן לעבנס־יאָר האָט ער,
צוזאַמען מיט זיינע עלטערן — פאַרמעגלעכע ישובניקעס — געוואוינט אין
גאַליציע. דאָ האָט ער באַזוכט — אין לעמבערג — די גימנאַזיע, צו אַכצן
יאָר אַוועק קיין ווין, שטודירט מעדיצין, געוואָרן פראַקטיקירנדיקער דאָקטאָר,
דאָרט זיך אין שטילער און אייביקער ליבע פאַרבונדן מיט דער עכטער ווינערין
פון דור־דורות קאַרלאַ, אַ טויבנשטילער, האַרצנסגוטער קראַנקן־שוועסטער.
אין יאָר 1919 האָט כמעלניצקי אויפגעגעבן זיין מעדיצינישע פראַקטיק —
אָבער נישט זיין מעדיצינישן פאַך. ער איז געוואָרן דער שטענדיקער שרייבער
וועגן קראַנקהייט און היילונג אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס". אין ווין, וואָס
האָט געשמט מיט אירע מעדיצינישע דערגרייכונגען, איז ער אָבער געבליבן
וואוינען ביזן יאָר 1938, מיטגעמאַכט אַ קורצע צייט די נאַציס און אַוועק
קיין ניו־יאָרק מיט זיין פרוי. קיין קינדער זיינען נישט געווען. פלוצלונג
פאַר זיינע נישט צאָלרייכע — דערפאַר אָבער געשוואוירענע פריינד — אָבער
נישט פלוצלונג פאַר זיך אַליין, דעם מעדיצינער, איז ער געשטאָרבן דעם
28טן מערץ 1946. ער איז שוין יאָרן־לאַנג געווען האַרץ־קראַנק, אַ סך פון
זיינע נישט צאָלרייכע, דערפאַר אָבער געשוואוירן־טאַלאַנטפולע, אין פאָע־
טישער אייביקייט איינגעטונקענע — לידער האָבן עס אָנגעזאַפט.

כמעלניצקי, דער מעדיצינער איז געווען פאָפולער ביז גאָר; כמעלניצקי,
דער דיכטער, גרויס אין זיין שטילקייט און אין זיין עקסקלוסיווער פאָטעטישקייט,
איז דורכגעגאַנגען ווי ביי דער זייט פון דעם דרך המלך פון דער יידישער
דיכטונג. די איידלקייט אַליין, דער ערנסט אַליין, האָט ער זיך מיט אומענד־
לעכער פיעטעט און ליבע באַצויגן צו ביידע פאַכן זיינע. ער האָט ליב געהאַט
דעם מענטש ווי ער איז, דאָס לעבן ווי עס איז. דורך דער מעדיצין האָט ער
ליב געהאַט דעם גוף פון מענטש און דורך דער פאָעזיע די נשמה פון מענטש.

אין יאָר 1909 האָב איך גענומען אַ העלפט פון כמעלניצקיס נאָמען און
אַ העלפט פון דעם נאָמען פון אַ העלד פון לאַמעד שאַפּיראָ און צוזאַמענגע־
שטעלט דעם פסעוודאָנים: מלך ראַוויטש. אַז כמעלניצקי איז אין יאָר 1918
אין ווין געוואָר געוואָרן, וואָס פאַר אַ ראָל ער האָט געשפילט אין מיין לעבן,
האָט ער אויך מיך אַריינגענומען אין דעם קרייז פון זיינע פריינד און אַזוי שוין
ביזן סוף. כמעלניצקיס ווירקונג אין גאַליציע, אויף דער יונגער יידישער לי־
טעראַטור אין דעם אייגנאַרטיקן לאַנד, איז געווען גרויס. אין דער ערשטער
ריי זיינע געטאָקטע לידער און אין דער צווייטער ריי זיינע מייסטערהאַפטע אי־

בערזעצונגען אויף פויליש פון דער יידישער ליריק. גאַליציע האָט צווישן די יאָרן 1900 ביז 1910 אַרויסגעבראַכט אַ דור פון ענטוזיאַסטן פון דער יידישער גייסטיקער רענעסאַנס אין יידישן פאָלקס־לשון, ענטוזיאַסטישן, וואָס האָבן פאַרוואָרפן די אַסימילאַציע אין כף הקלע. און די אַסימילאַציע צווישן דער אינטעליגענץ אין גאַליציע האָט געהאַט טיפערע וואָרצלען, וואָס האָבן זיך געצויגן קיין בראָד און פון בראָד קיין בערלין און אַנדערהאַלב יאָרהונדערטער אַריין. און אויך מיין וויניקייט האָט ביי דעם אוקראַיניש־יידישן אימיגראַנט מלך כמעלניצקי געלערנט, אין פוילישער איבערזעצונג, די שיינקייט און טיפקייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

כמעלניצקי איז געווען אָריענטירט און באַלעזן ביז גאָר, און האָט מיט־געלעבט, מיטגעציטערט, מיטגעפיבערט מיט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט, און גאָר באַזונדערס אין דער יידישער וועלט — אָבער זעלטן ווען ווער איר געפינען שפורן פון דעם אין זיין דיכטונג. געליטערט איז זי, פון טומל געלייטערט און אין שטילקייט פאַרזונקען; פון נעכטן, היינט און מאָרגן געלייטערט און אין דער אייביקייט אַריינגעזונגען. געלייטערט איז דאָ די פרייד, געלייטערט דער לייד — מענטשלעך, אורמענטשלעך. אין דעם ווייטגרעסטן טייל פון זיינע לידער, וואָס זייער צאָל האָט ניט דערגרייכט קיין צוויי הונדערט אין פאַרלויף פון 45 יאָר דיכטן. כאָטש מלך כמעלניצקי האָט גוט באַהערשט עטלעכע לשונות, און אויך זיין דיכטערישע פערפעקט־קייט אין זיי באַוויזן דורך זיינע איבערזעצונגען, האָט ער אָבער זיין געליבט יידיש לשון קיינמאָל נישט פאַראַטן דורך אַן אייגענער דיכטונג אין אַן אַנדער שפראַך. ער האָט ליב געהאַט די לשונות, די קולטורן און דער עיקר די דיכטונג פון דער וועלט — דורך זיין ליבע צו יידיש לשון.

כאָטש אין איינזאַמקייט לרוב, און אין אַ סך טרויער, איז מלך כמעלניצקין באַשערט געווען דורכצוגיין אַ גאַנץ און אַ פול לעבן לויט זיין אייגענעם אידעאַל פון אַ לעבן, אַן עקסקלוסיוו פּאָעטיש לעבן. נישט וויניק האָט דערצו ביי־געטראָגן זיין פרוי — קאַרלאַ.

דער קבר פון מלך כמעלניצקי, מיין לערער פון די יונגע יאָרן, געפינט זיך צווישן די קברים פון יידישע שרייבער אויף דעם ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג בית־עולם. אויך די מצבה זיינע צייכנט זיך אויס מיט איר ספּעציעלער פּאָעטישער איינזאַמער איידלקייט. זי צייכנט זיך אויס מיט איר נאַטירלעכער באַשיידנקייט — און נאַטירלעכע באַשיידנקייט איז אַלעמאָל אַריסטאָקראַטיש, אָט אַזוי איז געווען דער גאַנצער מענטש מלך כמעלניצקי, דער דיכטער פון פערזענלעכע, אינדיווידועלע יידישע לידער פון רו און אומרו.

מאָנטרעאַל, פעברואַר, 1948. **מלך ראַוויטש**

אבטיילונגען

לאנד פון

מיינע קינדער־יארן

סאנעטן

רו און אומרו

צווישן פעלדער

צווישן מויערן

קיבאנגע גורן

דער קארליק

איבערזעצונגען

אינהאַלט :

זייט

I

לאַנד פון מיינע קינדער יאָרן ... 13
מיין היימלאַנד ... 15
אין אַ אוקראַאינער נאַכט ... 17
די שטאָט ... 18
פאַרטאָג אין שטאָט ... 19
דער ערשטער מאַי ... 19
אַ קאָשמאַר ... 20
פאַרנאַכט ... 22
סע לויפט די צייט ... 24
ניט דאָס טוט וויי ... 25
מיין וועג איז שווער ... 25
צוויי פאַרליבטע אין גראָז ... 26

II

צום סאָנעט ... 29
אויף אַ באַרג פאַרנאַכט ... 30
דער וואָטיוו-קלויסטער אין ווין ... 31
ווינטערנאַכט אין די בערג ... 32
צוריק ... 33
דער וואַלד ... 34
אין הויף ... 35
שניטצייט ... 36
ווין 1918 ... 37
צווישן זומפן ... 38
ציגיינערס ... 40
אַן אַלטער קראַנקער פויער ... 41
דער זקן אין אַ ווינטערנאַכט ... 42
אַן אַלטער פויער איז געשטאָרבן ... 43
אַ טשיקאַדי ... 44
ווינטער ... 45
ביינאַכט אין אַן עסטרייכיש שטעטל 46
דולהויז ... 47
פליטים ... 48
אַ מענטש נאָך מיר ... 49

III

ביטאָג בין איך גלאַט ווי אַ רואיקער
טייך ... 53
רואיקע נאַכט ... 53
נאַכט איינזאַמקייט ... 54
אין דער העלער נאַכט ... 55
פון אַלע זייטן קומט אָן די נאַכט ... 56
סע בליען פאַרדעקט דיינע הענט ... 57
אַ לויטערער הימל ... 57
אין קלויסטער ... 58
ווי מאָדנע צו גיין ... 58
גוט איז אין אַ רעגן ... 59

זייט

מיר האָט באַשערט ... 60
וואָכעדיקע טעג ... 61
אויך משוגעים ... 62
ווען ניט ווען קומט זי אָן שריט ... 63
מיין ליכט פאַרפלייצטער טראַקט ... 64
פון מיין האַרץ געגאַרט ... 64
סע שיילן די טעג זיך פון מיר ... 65
קלאָרקייט צייטיקע ... 65
מיין האַנט וועט צעפאַלן אויף פאָרעך 66
מילד צו מיין האַרצן דערגייט ... 67
אין איינזאַמער נאַכטישער שעה ... 68
איך בין שטיל ... 68

IV

אַ דאָרף צווישן וועלדער ... 71
ווינטער ... 72
איינגעקאָרטשעט אין זיך ... 72
אויף דער לאָנקע ... 73
נאָך שניט ... 73
דער ים נאָך אַ שטורם ... 74
טשערעטן ... 74
זומפ אין מיטן וואַלד ... 75
אין אַ באַן ... 76

V

אין אַ שטאָט וואָס שטאַרבט ... 79
אינוואַלידן בלינדע ... 80
האַרבסטנאַכט ... 81
דיין הייסער אָטעם, שטאָט ... 82
אַ היימלאָזער אין פאַרק ... 83
אינעם גרויסן ציגנזנהויז ... 84

VI

קיבאָנגע גירי ... 87
ווען כ'וואָלט געווען אַ נאָרדפּאָל-ז
זוכער ... 90
ראָבינזאָן רעדט ... 92
צו אַ טויבן גאָט ... 94
אַרוואונטאַ ... 96

VII

דער קאַרליק ... 99—106

VIII

איבערזעצונגען :
פון אַדאַם מיצקעוויטש ... 109
פון פרידריך ניטשע ... 110—111
פון קאַזשימיעזש טעטמייער ... 112
פון אַנטאָני לאַנגע ... 113
פון ערנסט וואַלדינגער ... 114—115

לאנד פון
מיינע קינדער-יארן

לאַנד פון מיינע קינדער־יאָרן:
ווי אַ טרוימלאַנד אין דער ווייטן,
מיט טומאַנען ווייך פאַרצויגן,
בליסטו אויף פאַר מיינע אויגן.

כ׳שיק מיין ליבע, כ׳שיק מיין בענקשאַפט
פון מיין פוסטקע, פון מיין ענגשאַפט.
פליען זאָלן זיי פון דאַנען
מיטן ווינט און מיט די כמאַסער,
ווי זשוראַוווליעס ווי פאַרבענקטע,
איבער לענדער, איבער צייטן,
צו מיין היימלאַנד אין דער ווייטן.

זינקט אַנידער דאָרט מיין ליבע
אויף אַ מעזשע, אויף אַ סקיבע,
צווישן גרינע זומערפעלדער,
צווישן קילע, טונקלע וועלדער.
נעמט זי פליגלען ווייסע שפרייטן
אינעם רוים אין ווייטן, ברייטן:
שווימט מיט וואָלקנס אין דער הויך,
וויגט די זאַנגען מיטן ווינט,
קילט די גראָזן מיט דער ראָסע,
ציטערט מיט די זונענשטראַלן
איבער קילע קלאָרע קוואַלן.
בלייבט מיין ליבע פאַרכטיק שטיין
ביי אַ הויף און ביי אַ צוים:
סודעט זיך מיט יעדן בוים,
קוקט אַריין אין יעדן פענצטער.
אפשר וועט ער שיינען ווידער
דער פרימאָרגן, ריין און העל.
ווי אַן אָרעמאַן אַ מידער
בלייבט זי זיצן אויף דער שוועל.

גייט מיין בענקשאַפט דאָרט אַרומעט
מיטן אָסיענס שטומען אומעט,
מיט די איינזאַמע פאַרנאַכטן,
מיט די אָוונטן פאַרטראַכטע.
זעצט זיך ביי אַ שטוב אַנידער
אויף אַ פריזבע, אויף אַ פּראָסטער:
הערט זיך איין אין ווייטע לידער,
בלייבט אין פעלד פאַראומערט שטיין
ביי אַ ווינטמיל אַ פאַרלאָזטער.
גייט אין וואַלד אַריין ווי קינדוויז
דעם גן־עדן־פויגל זוכן.
גייט אויף סטעזשקעס, גייט אויף שליאַכן,
גייט אַוועק און קומט צוריק.
ווייסט שוין וואו די וועגן פירן:
ניט צום גליק.

לאַנד פון מיינע קינדער־יאָרן!
ווי אַ טרוימלאַנד אין דער ווייטן,
מיט טומאַנען וויך פאַרצויגן,
בליסטו אויף פאַר מיינע אויגן.
פעלדער מיינע, לוגן, לאַנען,
קיין מאָל וועט איר ניט פאַרוויאַנען.
תמיד וועט איר בליען, גרינען,
אין מיין האַרצן אין מיין זינען,
אין מיין חלום זיך פאַרשפינען.

מיין היימלאַנד

אין מיין ווייטן היימלאַנד גליט אַ זון פון דרום
איבער ברייטע פעלדער, לאַנען און באַשטאַנען.
עלנט און פאַרגעסן שטייען בערגלעך־קברים,
אַלטע העלדן־קברים, איינזאַמע קורהאַנען.
פון דער ווייט צו ווייטקייט לויפן ברייטע שליאַכן.
איינציקווייז צעוואָרפן אינעם פעלד אין פלאַכן,
ווינטמילן, ווי ריזן, שטום די וועלט באַוואַכן.

האַלב אין גרינס פאַרזונקען שטיבלעך ווייסע שטייען,
צווישן קאַרשן־ביימער, פאַסיקעס מיט האָניק.
טיף אין סאָד באַהאַלטן זינגען סאָלאָווייען,
אינעם בלויען הימל קלינגט אַ זשאַוואָראָנעק.
סטערטעס אויף די טויקן וואַקסן העכער, העכער,
ווי אַ שטאָט פון סנאָפּעס. יעדער טונקלער שטעכער
פול מיט געלער זערנע ביזקילע די דעכער.

צו די קליינע שטעטלעך לויפן אַלע שליאַכן:
רויטע, גרינע דעכער, נידעריקע הייזלעך,
רוישנדיקע מילן ביי די שטילע טייכן,
און אַ שול אַן אַלטע, און אַ צענדליק קלייזלעך.
חנעוודיקע מיידלעך, שייניקע — אַ חידוש!
קרעפטיקע בחורים, פרומע, נאָר ניט חסידיש,
דאָרטן לעבט מיין פאָלק נאָך, בענקט און האָפט אויף יידיש.

פרוכטבאַר איז מיין היימלאַנד, רייך מיט ברויט, מיט לידער.
זומערס בראָטן הייסער, הערצער גאַרן ווילדער.
זינקט די זון אין מערב, ווי אַ קאָפּ אַ מידער,
קומט אַ נאַכט אַ העלע מיט אַ שיין אַ מילדער.
הייזער, סאָדן, פעלדער ווי פאַרכישופט ליגן.
אַלעס שוויגט און חלומט. איינזאַם נאָר אַ ניגון
קלאָגט זיך פאַר די שטערן — און ווערט אויך אַנטשוויגן.

כ׳גיי אויף שטילע וועגן, אײנזאַם און אין צווייען.
יעדער וועג איז ליב מיר, כאָטש דאָס לאַנד איז פרעמד מיר.
אָבער אָפּטמאָל בלייב איך ווי פאַרבלאָנדזשעט שטיין
און פאַר ווײ און בענקשאַפט שטום דאָס האַרץ פאַרקלעמט מיר.
ס׳איז מיר פרי מיין היימלאַנד אין דער ווייט פאַרשוואונדן,
נאָר אויף אייביק בלייב איך שוין מיט אים פאַרבונדן
מיט די ריינסטע טרוימען, מיט די טיפסטע וואונדן.

אין אַן אוקראַינער נאַכט

פעלדער ווייט, פעלדער ברייט און אַ זילבערנע נאַכט.
עפּעס האָט זיך די וועלט און דער הימל פאַרטראַכט.
פריילעך קלינגען די גלעקלעך אַ לאַנגן געזאַנג,
און אַ ליד און אַ לאַך פון אַ קינד קלינגט אין קלאַנג.

און סע ווייזט זיך אַ בילד און פאַרבליאַנקעוועט באַלד:
דאָ אַ דאָרף, דאָ אַ טייך, אַ פאַרחלומטער וואַלד.
און סע וויגט מיך די ערד ווי אַ קינד אויף איר שויס.
באַרג אַרויף — באַרג אַראָפּ, פעלדער איין — פעלדער אויס.

עפּעס וועקט זיך אין האַרץ, וואָס דערשטיקט האָט דער טאָג:
אַ פאַרגעסענער טרוים, אַ פאַרגראָבענע קלאָג.
עפּעס ציטערט דאָרט שטיל אַ פאַרבאָרגן געפיל,
ווי די זילבערנע נאַכט אַזוי ווייך, אַזוי שטיל.

און מיר דאַכט: איך אַנטלויף איבער טאָל, איבער באַרג,
פונעם וואָכיקן טאָג, פונעם רעשיקן מאַרק,
ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט, אויף אַ וועג אָן אַ סוף,
פעלדער איין — פעלדער אויס, באַרג אַראָפּ — באַרג אַרויף.

ערגעץ ווייט איז אַ לאַנד און סע וואַרט און סע בליט
פאַר מיין גליק, פאַר מיין ליד, פאַר מיין האַרץ, וואָס איז מיד —
פאַר מיין האַרץ, וואָס איז מיד ניט פון קאַמף, ניט פון שרעק,
נאָר פון נעכט אָן אַ טרוים און פון טעג אָן אַ צוועק.

די שטאָט

ווי ווייטע שרפות גליען אָונט־שיינען,
באַשטראַלט אַלץ מיט בלוטיק־רויטע פאַרבן.
די זון פאַרגייט, די לעצטע שטראַלן שטאַרבן,
די שטאָט פאַרזינקט אין בלוילעכע טומאַנען.

דערשלאָגן מיד, ווי אַ געיאָגטער שטיי איך,
וואָס שטייט פאַרשטומט פאַר שרעק און פאַר ירידה,
און קוק אויף דיר מיט אויגן קראַנקע, מידע,
אַ שטאָט, אַ שטאָט, אַ בלוטיקער מזבח!

מיט ווילדן דאָרשט האָסטו מיין בלוט געטרונקען
און מיך פאַרסמט מיט יאוש און מיט שנאה.
דערשטיקט מיין ליד, געריסן יעדע סטרונע,
און בייז געלאָשן אַלע נייע פונקען.

מיט ווילדן דאָרשט האָסטו מיין קראַפט געזויגן
און שטיקער האַרץ געוואָרפן דעם מזבח —
דערשלאָגן, שטום, ווי אַ געיאָגטער שטיי איך,
און קוק אויף דיר מיט קראַנקע, מידע אויגן.

נאָר כאָטש איך זע אַ לאַנגע שורה קברים,
וואַרט איך פאַרט נאָך אויפן טאָג, דעם לאַנג־באַשערטן.
פאַרזשאַווערט ליגן מיינע בלאַנקע שווערדן,
נאָר גרייט צום קאַמף איז נאָך מיין יונגער אָרעם.

ניט אַלץ, אַ שטאָט האָסטו געקאָנט פאַרשימלען,
ניט אַלץ, אַ שטאָט, האָסטו געקאָנט פאַרסמען —
נאָך הער איך רוישן אין דער ווייטן ימען,
נאָך בליען פעלדער אונטער בלויע הימלען.

נאָך וואַרט אויף מיר אַ וועלט, וואו הייליק שטיל איז,
אַ נעם דיין סם צוריק — איך וואַרף אַ קללה
אויף דיינע וועגן זינדיקע און שמאָלע,
אויף דיינע טעמפּלען אָן אַ גאָט, אָן תפילות!

פאַרטאָג אין שטאָט

אײביקע סודות דער ערד דער פאַרחלומטער
שעפּטשעט די נאַכט.
קושט זי גענזעגנדיק, קושט זי און טוליעט זי
תּאווהדיק־צאַרט.

שטערן פאַרבלאַסן, ווי אויגן פאַרגאַסענע,
קלאָגנדיק שטום.
שאָטנס דערשראָקענע ציטערן, טוליען זיך,
פילן דעם טויט.

ס׳דרימלען די גאַסן נאָך. שטראַלן פון מאָרגנשיין
וועקט זיי מילד —
מיידלעך געפאַלענע, בלומען צעטרעטענע,
גייען אַהיים.

דער ערשטער מאַי

סע רוישט און רעשט דאָס פאָלק, ווי שטורם־צעהילכטע ימען,
וואָס רייסן שטיקער ברעג, פאַרפלייצן ווילד דעם האַפן.
צום הימל וויַט די פאָן מיט בלוטיק־רויטע פלאַמען,
מיט שטאָלצע שטערנס גייט אַ שוואַרצע מחנה שקלאַפן.

און ס׳הוזשעט, ס׳הילכט אַ ליד — אַ דונער אין געוויטערן,
אַ ליד פון צער און צאָרן, פון רוגז און פון טרערן.
פאַרגליווערט שווייגט די שטאָט און הויכע מויערן ציטערן —
אָ, זיי געבענטשט מיר, קראַפט, וואָס וועסט די שטאָט צעשטערן!

אַ קאָשמאַר

כ׳בין איינזאַם אין שטאָט צווישן מענטשן געגאַנגען אין רעשיקע גאַסן,
אַך, איינזאַמער ווי צווישן ביימער פֿאַרנאַכט אין אַ האַרבסטאָג אַ בלאָסן.
פֿאַרביי זיינען מענטשן געגאַנגען מיט טעמפּע, מיט גלעזערנע אויגן,
אַזוי ווי אין שפּיל מאַריאָנעטקעס פֿון פֿעדעם פֿאַרדעקטע געצויגן.
די רוישיקע גאַסן ווי שטראָמען — ווי שיפֿן די רויטע טראַמווייען,
און אַלע די שטאָט־מאַריאָנעטקעס — זיי שאָקלען זיך, שמייכלען און דרייען.
סע ליגט זיי קיין ערד ניט צופֿוסן, מע זעט ניט קיין הימל קיין פֿרייען —
זיי גייען אַהין און צוריקעט און שאָקלען זיך, שמייכלען און דרייען.
כ׳בין איינזאַם אין גאַסן געגאַנגען, מיט סומנע געדאַנקען פֿאַרנומען,
און פּלוצלונג איז גלייך ווי אַ פֿרעמדע מיין ליבסטע אַנקעגן געקומען.
מיר האָבן זיך אָנגעקוקט ביידע מיט טעמפּע, מיט גלעזערנע אויגן,
און יעדער איז ווייטער געגאַנגען, פֿון פֿעדעם פֿאַרדעקטע געצויגן.
כ׳בין איינזאַם אין גאַסן געגאַנגען, געמאַטערט פֿון שוואַרצע מחשבות:
צי איז עס אַ חלום אַ קראַנקער? צי איז אַ נאַרישער טעות?
כ׳בין ווייטער אין גאַסן געגאַנגען מיט אָט די געדאַנקען פֿאַרנומען,
און פּלוצלונג איז ווידער מיין ליבסטע אַזוי ווי אַ פֿרעמדע געקומען.
מיר האָבן זיך אָנגעקוקט ביידע מיט טעמפּע, מיט גלעזערנע אויגן,
און יעדער איז ווייטער געגאַנגען פֿון פֿעדעם פֿאַרדעקטע געצויגן,
ווי ס׳וואָלטן אונדז גאָרנישט אין לעבן די קייטן פֿון ליבע פֿאַרקניפּט,
און גאָרנישט געהאַט זיך צו זאָגן פֿון קושן נאָך ציטעריקע ליפּן.
כ׳בין שטיין געבליבן דערשראָקן, די שלייפֿן פֿון פֿיבער צעברענט,
ווי ס׳וואָלטן געשטיקט מיך ביים האַלדז צוויי דאַרע, צווייביינערנע הענט.
אַוועק פֿון די שטיינערנע גאַסן! צו פֿעלדער, צום הימל צום בלויען!
אַוועק פֿון דער שטאָט דער פֿאַרסמטער, אַוועק פֿון דעם שטומען שגעון!
איך קען אויפֿן ברעג פֿון דעם דניעפּער אַ באַנק, פֿון אַ ליפּע באַוואַכט.
פֿאַרפֿירט האָט אונדז ביידע אַהינצו אַ לויטערער שטילער פֿאַרנאַכט.
דאָרט זיינען מיר ביידע געזעסן אין מיטן אַ בלויאיקער פּראַכט
און האָבן אינאיינעם געשוויגן און האָבן אינאיינעם געלאַכט.
די שטיבלעך די ווייסע ביים דניעפּער — זיי חלומען, דאַכט זיך, און דרימלען
און שפּיגלען אין שטראָם זיך אין קלאָרן אין איינעם מיט וואָלקן און הימלען.
סע ליגן די ליידיקע שיפֿלעך ביים ברעג אין אַ רואיקן שלאָף,
אַזוי ווי ביים ברעג פֿון אַ לאָנקע אַ טשערעדע שלעפֿריקע שאָף.

אַהינצו, אַהין וועל איך לויפֿן און דאָרטן זיך רואיק באַהאַלטן
פֿאַר אַלע די קראַנקע קאַשמאַרן, פֿאַר אַלע די פֿיבער־געשטאַלטן!
אָט איז שוין די שמאָלינקע סטעזשקע, אָט בין איך ביים בערגל שוין באַלד.
נאָר אימיצער זיצט אויף דער באַנק דאָרט, אַן איינזאַמע פֿרויען־געשטאַלט.
מיין ליבסטע איז דאָרטן געזעסן, די שלייפֿן פֿון פֿיבער צעברענט.
מיר האָבן זיך אָנגעקוקטביידע — מיר האָבן זיך גאָרנישט געקענט.
ווי ס'וואָלטן אונדז גאָרנישט אין לעבן די קייטן פֿון ליבע פֿאַרקניפּן
און גאָרניט געהאַט זיך צו זאָגן פֿון קושן נאָך ציטריקע ליפּן.
אין מיטן דער בליאיקער פּראַכט, אויף דער באַנק פֿון דער ליפּע באַוואַכט,
האָט יעדער באַזונדער געשוויגן, האָט יעדער באַזונדער געטראַכט —
די ליפּן פֿון יאוש געשלאָסן, דעם קאָפּ פֿון שגעון געבויגן,
מיט קאַלטע, פֿאַרלאָשענע הערצער, מיט טעמפּע, מיט גלעזערנע אויגן.

פאַרנאַכט

כ׳האָב קיינמאָל דעם טויט ניט גערופן אויף פוסטע, אויף איינזאַמע וועגן
און קיינמאָל זיין שאָטן געזען, וואָס גייט מיר פון ווייטן אַנטקעגן.
ס׳האָט קיינמאָל מיין שטערן פאַרוואָלקנט די פוסטקייט פון אייביקער נאַכט,
כ׳האָב קיינמאָל דעם טויט ניט גערופן און קיינמאָל פון טויט ניט געטראַכט.

כ׳האָב אָפטמאָל מיט יאוש פאַרשאָלטן דעם פלאַנטער פון שטומע מזלות
און אייגענע טרוימען באַשפּיגן און יאָרן געזעגנט מיט קללות.
כ׳האָב אָפטמאָל אויף בלאָטיקע וועגן געבלאָנדזשעט פאַרמאַטערט, פאַרשמאַכט—
נאָר קיינמאָל דעם טויט ניט גערופן און קיינמאָל פון טויט ניט געטראַכט.

כ׳האָב בלעטער פאַרגעלטע געטרעטן און בלומען געזען פאַרוויאַנען,
כ׳בין אָפטמאָל מיט אויגן פאַרוויינטע ביי אָפענע קברים געשטאַנען,
כ׳האָב בלוטיקע שלייפן געזען און ליפּן פאַרבלאָט און פאַרשמאַכט,
נאָר קיינמאָל, נאָר קיינמאָל אין לעבן פון אייגענעם טויט ניט געטראַכט.

היינט בין איך פאַרנאַכט צווישן לאָנקעס אויף זאַמדיקע ברעגן געגאַנגען,
סע האָבן אין לופט זיך געטראָגן פאַרבענקטע און שטילע געזאַנגען,
דער מערב האָט בלוטיק געפלאַקערט און תאוהיק אַליין זיך פאַרצערט,
מיט ראָזעווע שיינען באַגאָסן דעם הימל, דעם טייך און די ערד.

ס׳האָט עפּעס געשעפּטשעט אַ ווערבע, פון סודות אַן איינזאַמער וועכטער,
און ערגעץ האָט הילכיק צעשאָלט זיך אַ מיידלשער פרישער געלעכטער.
אַ רגע געהאַנגען אין לופטן, אַ רגע געציטערט, געשאָלט,
און ערגעץ אויף גראָזן געפאַלן און ערגעץ פאַרזונקען אין וואַלד.

און איך האָב די ראָזאָווע שיינען געטרונקען מיט דאָרשטיקע אויגן,
כ׳האָב שטום אינעם אָוונט פאַרוועבט זיך און שטום צום מערב געצויגן
און פלוצלונג האָט עפּעס דערשראָקן געציטערט, געפלאַטערט מיין האַרץ,
די זון האָט אַ שאָטן פאַרשטעלט מיר — אַ שאָטן פאַראומערט און שוואַרץ.

און עפּעס האָט שטיל אין מיין האַרצן אַ פּחד אַ פרעמדער געציטערט.
ס׳האָט טיף דאָרט אַ קרעכץ זיך געריסן פון אייביקן ווייטיק פאַרביטערט.
און כ׳האָב זיך מיט ציטריקע ליפּן צו שעפּטשען דאָס וואָרט ניט געטרויט.
און האָב דאָך געפילט און פאַרשטאַנען: ער קומט שוין פון ווייטן, דער טויט.

ער גייט שוין, ער גייט שוין אַקעגן, סע לויפן און איילן די שעהן.
אַ האַרץ מיינס, ווי וועט עס דיר באַנג טאָן פאַרלאָזן דעם הימל דעם בלאָען.
פאַרלאָזן געזאַנג און געלעכטער, דעם זומערטאָגס גאָלדענע פּראַכט,
אויף אייביק פאַרמאַכן די אויגן, פאַרזינקען אין אייביקער נאַכט.

סע לויפט די צייט

סע לויפט די צייט אָן שיינקייט און אָן צוועקן,
פאַרוויסט און שוואַרץ —
ווער וועט דעם פונק, דעם הייליקן, דערוועקן
אין מענטשנס האַרץ?

געבענטשט זאָל זיין, ווער ס׳וועט דעם פונק צעפלאַמען
צום פלאַם אָן שרעק
און שפּאַנען מוטיק מיטן פאָלק צוזאַמען
צום נייעם צוועק!

געבענטשט זאָל זיין, ווער ס׳האָסט די אַלטע וועגן,
די אַלטע שריט,
און פירט דעם מענטש דעם נייעם טאָג אַקעגן,
ווען ס׳טאָגט נאָך ניט.

און דער, וואָס האָסט די לעבעדיקע קברים,
דעם וועג אָן צוועק
און פירט די שיף, וואָס בלאָנדזשעט אום אין שטורעם,
צום שטילן ברעג.

און דער, וואָס האָט דעם גייסט, וואָס בלאָנדזשעט תמיד,
אַנטפּלעקט זיין סוד
און גיט פאַריאושטע אַ נייעם עמוד,
אַ נייעם גאָט.

ניט דאָס טוט וויי

ניט דאָס טוט וויי, וואָס ס'האָט קיין וועג געטראָפן
מיין טרוים פון גליק
און קומט צו מיר פון יעדן נייעם האָפן
מיט שטאָלץ צוריק —

נאָר דאָס, וואָס כ'וועל צעברעכן אים אויף שאַרבן
אין דושנע נעכט
און יעדעס שטיק וועט ערגעץ־וואו פאַרדאַרבן,
באַפלעקט און שלעכט.

וואָס שטאַרבן וועט ער מיאוס, אַזוי ווי שטערן
אין מיסט צעשיט —
דער טרוים, וואָס האָט געזאָלט אַ תפילה ווערן,
פאַר גאָט אַ ליד.

מיין וועג איז שווער

מיין וועג איז שווער, מיין וועג איז האַרט
און פוסט —
איך האָב צו לאַנג געבענקט, געגאַרט
אומזיסט.

נאָר עפּעס טרוימט נאָך, שטיל און צאַרט,
מיין ברוסט.
איך זע דעם טרוים, און שטיי, און וואַרט —
אומזיסט.

צוויי פֿאַרליבטע אין גראָז

צוויי פֿאַרליבטע אין גראָז,
עמעץ זינגט אינעם וואַלד —
און מיר דאַכט זיך דאָס אַלץ
אַזוי אַלט, אַזוי אַלט.

לעבן וועג שטייט אַ בוים
אָן אַ בלאַט און פֿאַרדאַרט.
איז מיין יוגנט אַוועק,
וואָס איך שטיי דאָ און וואַרט?

סאנעטן



צום סאָנעט

איך גיי מיט גרינגע שריט, פון אָוונטשיין באַגילדט,
אויף דיינע שוואַרצע טרעפּ, פאַרגליווערטער סאָנעט,
און כ׳ציטער דאָך אַזוי, ווי בויגיקער טשערעט
ווען ווינט צעבייזערטער אין נעכט צעוויגט אים ווילד.

צעוויגט און שפּילעוודיק וואַקסט אויס אַ וואָרט, אַ בילד —
און כ׳בין דאָך ניט קיין גלאַטער, גליטשיקער פּאָעט,
וואָס שפּילט זיך מיטן וואָרט און צערטלט עס און גלעט,
נאָר אַלעמאָל באַנייס דאָס וואָרט מיט מיר זיך שפּילט.

איך גיי אויף דיינע טרעפּ, פאַרגליווערטער סאָנעט,
האַלב שפּילעוודיק צעוויגט און האַלב אין הינערפּלעט.
און זון נאָך זון פאַרגייט, און צייט, מיין צייט, פאַרגייט.

איך ווייס: איך גיי צו שטומער נאַכט, צו הוילן סטעפּ,
און כ׳שטעל זיך דאָך ניט אָפּ און כ׳שטעל מיין פוס מיט פרייד
אויף יעדער האַרטער פלאַך פון דיינע שוואַרצע טרעפּ.

אויף אַ באַרג פאַרנאַכט

אַזוי ווי פליגל שפּרייטן זיך די הענט
און יונגע טרוימען ווערן וואַך דאָ אויבן —
זיי פליִען אַלע ווי פאַרבענקטע טויבן
צום זונפאַרגאַנג, פון ווייטן ליכט געבלענדט.

ווייט־ווייט אַהין, וואו ערד און הימל ברענט,
ציט זיך מיין בענקשאַפט און מיין יונגער גלויבן,
אַזוי ווי דאָרטן וואָלט זיך אָנגעהויבן
אַ גליקלעך לאַנד מיט זומערטעג אָן ענד.

מיר דאַכט, אַז אַלץ, וואָס איז נאָך אומבאַקאַנט,
וואָס ווערט אין ליד און נאָר אין טרוים דערמאָנט,
איז פראָסט און קלאָר ביים ברעג פון האָריזאָנט.

מיר דאַכט, אַז אַלץ, וואָס בלאָנדזשעט דאָ אין טאָל
און זוכט זיך לאַנג אויף וועגן אָן אַ צאָל,
וועט דאָרט, אין ווייטקייט, טרעפן זיך אַמאָל.

דער וואָטיוו-קלויסטער אין ווין

אין מיטן רעש פון שטאָט, אין ליאַרעם און אין ענגשאַפט,
ער שטייט ניט דאָ — ער שוועבט און וועבט אין זיך אַ סוד.
פאַרשלאָסן האָט אין אים אַ פאָלק זיין שרעק פאַר גאָט,
אַ קינסטלער־גייסט זיין טרוים, זיין תפילה און זיין בענקשאַפט.

צוויי טורעמס שטייגן הויך אין הימל־תהום אין בלאָען
ווי בענקענדיקע הענט צום הימל אויסגעצויגן.
צוויי זייגערס קוקן אַלץ, ווי אָפענע צוויי אויגן,
און מעסטן פאַרן מענטש די אייביקייט מיט שעהן.

פאַרטאָג, אין מיטן טאָג און נאָכן זונפאַרגאַנג
צעקלינגען זיך די גלאָקן: קלאָר, פאַמעלעך, לאַנג,
ווי ווערטער פון אַ זקן פאַלן קלאַנג נאָך קלאַנג.

דאָס זאָגט די הייליקייט, וואָס ליגט פאַרשלאָסן דאָרט,
האַלב שרעקנדיק, האַלב־טרייסטנדיק אָן אייביק וואָרט.
סע בלייבן מענטשן שטיין און ס'טוט זיי עפּעס באַנג.

ווינטערנאַכט אין די בערג

אַ פענצטער אַ באַליכטנס אין טאָל אין טיפן, שמאָלן,
זאַפּט איין אין זיך דעם טרויער פון דער גאַנצער וועלט.
פון דער לבנהס שיין צעפינקלט און צעהעלט,
רוקט אָפּ זיך יעדער באַרג אַלץ ווייטער פון די טאָלן.

אויף וועגן זילבערנע, פון שנייען אויסגעגלעט,
פאַלט אָפּ פון מיר די לאַסט פון נעכטן, היינט און מאָרגן.
צי בין איך נאָך אַ מענטש מיט הונדערט קליינע זאָרגן?
צי וואַרט נאָך היינט אויף מיר אַ הויז, אַ שטוב, אַ בעט?

מיר דאַכט: איך בין שוין טויט און ווייס שוין יעדן סוד.
אַלס גייסט האָט מיך אַצינד געשיקט אַהערצו גאָט
אויף וועגן, וואָס איך האָב אין לעבן ליב געהאַט.

די שווערקייט פונעם ערדגאַנג איז אַוועק פון מיר.
איך גיי מיט שטילע שריט און קוים דעם שניי איך ריר,
נאָר איך קוק און זע ווי פריר און פריי זיך שטום ווי פריר.

צוריק

צו דערפער פאַרבאַהאַלטענע קום איך אַלץ צוריק,
אַ וואָגלער אַ פאַרבענקטער, אַ זון אַ ניט געטרייער.
איך זע פאַרשעמט, ווי ס׳וואַרט אויף מיר שוין שטוב און שייער
מיט ברייט־צעפראַלטער טיר, מיט היימיש פראָסטן גליק.

אויףביימער בליען עפּל און ס׳וואַקסט אויף פעלדער ברויט.
צעגלייסטע זונען בראָטן און קילע ווינטן בלאָזן.
און ס׳וואַקסן מענטשן ווילד ווי ביימער און ווי גראָזן,
און ס׳איז דאָס לעבן גוט און גוט איז אויך דער טויט.

און איך בין יונג אַוועק, פאַרטריבן זיך אַליין.
און איך בין ווייט אַוועק צו שטאָט, צו שטאָל, צו שטיין
און האָב מיט מענטשן שטאָטישע זיך לאַנג געחברט.

און כ׳האָב זי דאָך, די שטאָט, אַזוי געהאַסט, געהאַסט,
אַצינד בין איך אויך דאָ אַ פרעמדער און אַ גאַסט
און ערגעץ הענגט מיין קאַסע, שטומפּיק און פאַרזשאַווערט.

דער וואַלד

שיין איז דער וואַלד אין שטורעם: מיט צאָרנדיקן פּילדער
וואַרפט ער זיך און רעוועט, פונעם שטורעם געוואָרגן —
נאָר שענער איז דער וואַלד אין לויטערן פרימאָרגן,
אַ שמייכלענדיקער ריז, אַ שטילער און אַ מילדער.

אַ נאָר וואָס אויפגעכאַפּטער, אויסגערוטער ריז
שטרעקט ער זיך פאַמעלעך, פון דער זון געבלענדט,
און טויזנט פולע נעסטן האַלט ער אין די הענט,
און פיקסלעך יונגע שפּילן זיך ביי זיינע פיס.

אַ וואַלד אַזאַ האָט שטום אין מיינע קינדעריאָרן
אַריינגעקוקט אין פענצטער און וואונדערלעך געשטראַלט
מיט יאַגעדעס און נעסטן און אויסטערלישע גליקן.

אַ וואַלד אַזאַ וואַקסט ערגעץ שטיל אין מיין זכרון.
איך הער זיך זשעדנע איין און הער אין טיפן וואַלד
די ווילדע טויבן וואָרקען און דעם פּיקהאָלץ פּיקן.

אין הויף

אין מיטן פֿאַלק פֿון עופֿות שפּרייזט מיט שטאָלץ אַרומעט
אַן אָנגעשטאָפּטער אינדיק און בלאָזט פֿון זיך מיט ווערדע.
אַ האָן צעיאָגט זיך צו אַ הון און כאַפּט אַ בערדע —
צעקרייט ער זיך מיט פּתחן און הייזעריקן אומעט.

ס'איז גוט. ס'איז שטיל. מע קען אַיעדן שאָרך דערהערן.
און פּלוצלונג שפּרינגט אַריבער פֿלינק אַ קאַץ דעם פּלויט —
פֿליט אויף אַ הון מיט גוואַלד, דערשרעקן זיך די גענדז אויף טויט.
דער קאַץ לויפֿט נאָך דער גאַנער: פֿאַרשרפֿעט זאָל זי ווערן!

מע קלאַפּט דאָס בעטגעוואַנט. הויבט אָן דער אינדיק האַלדרען:
צו אַלדע שוואַרצע יאָר — וואָס קלאַפּט דער יאָלד די קאָלדרע?
און בייזערט זיך און פּילדערט און זידלט זיך און שעלט.

אַ הינדעלע, אַ טאָג ערשט אַלט, אַ קנויל פֿון געלער וואַטע,
שטייט צוגעקלעפּט צו דר'ערד, צעטומלט, טאַמעוואַטע:
אַ וועלט — אַ גרויסע — וואונדערלעכע וועלט.

שניטצייט

צעוויגטע געלע לאַנגען כוואַליען גרינג איןווינט
און צייטיק־שווערע זאַנגען נייגן זיך צו שניט.
פון זומער־פרייד פאַרשיכורט שטיי איך אין דער מיט
און קוק און קוק מיט זשעדנע אויגן פון אַ קינד.

ס׳איז סאַמע מיטן טאָג. די ווייטע פעלדער ליגן
אין ציטעריקער אומרו, צעזשאַרעט און צעבראָטן.
פאַרשוויצטע שניטערס הויערן אין בלויען שאָטן
און כלעפּטשען זויערמילך פון גרויסע שוואַרצע קריגן.

יעוודאָכעס, קאַטערינעס ליגן ברייט אין שטרוי,
געזונטע און צעהיצטע. סע שמעקט דאָ גוט אַזוי
מיט זערנע צייטיקער, מיט מיאַטע און רומיאַנעק.

איך ליג אין קילן גראָז און קוק אויף זיי מיט תענוג.
אַזוי ווי בלויע שוואַלבן, פלינק און אומגעשטערט,
יאָגן יונגע גלוסטן נידעריק ביי ערד.

ווין 1918

אויף שטילע, ברייטע גאַסן, דעם העלן טאָג אַקעגן,
צעקלאַפּן טריט זיך יונגע, האָפּערדיק און פריי.
ענטפערט אָפּ די רחבות: ניט כדאַי, ניט כדאַי.
און שטילער ווערן טריט, פאַרנעפּלט אַלע וועגן.

געוועזן אַ טרוים אַ פאַרביקער, אַ יום־טובדיק צעברויזטער,
מיט הפקערקייט און איבערפלוס און שפּילעוודיקער תאווה.
געבלענדט באַרימעריש מיט פאַרבן פון אַ פּאַווע,
געהילכט מיט ברייט־צעוויגטן גלאָקנקלאַנג פון קלויסטערס.

און איצטער הויערט אַלץ נאָך, ווי אַ שווערע משא,
דער נאָגנדיקער לאַנגווייל פון דורות פּוסט־און פּאַסע
און ס'פּוסטעוועט די לופט נאָך נעכטיקן געזאַנג.

און אַלץ נאָך קלעפּט אַצינד אויף פּנימער און גאַסן
דער שטומער קלעם פון אָפּגאַנג, דער פּיין פון האַרבסט־טעג בלאַסע
און פערלגלאַנץ פון מושליעס, פּוסטע שוין פון לאַנג.

צווישן זומפּן

1

אויף ערד אויף האַרטער האָב איך מיד זיך אויסגעצויגן,
פון עפּעס אַ געיאָגטער, פון ערגעץ אַן אַנטלאָפענער.
דער סטעפּ ליגט ווייט און ברייט אַ הוילער און אַן אָפענער
און גלאָצט מיט טריבע זומפּן ווי מיט בלינדע אויגן.

אין מיטן פוסטער פלאַך אַ ברונעם שטייט אַ ליידיקער —
אַן אייביק אויסגעשטרעקטער, טייטלדיקער פינגער.
אַ טשאַיקע פלאַטערט אום, דעם זומפּס געטרייער זינגער,
און ס׳איז איר איינזאַם ליד אַ וויי־געשריי אַן אייביקער.

איך שטיי אין מיטן סטעפּ אַ הוילער און אַן אָפענער,
פון עפּעס אַ געיאָגטער, פון ערגעץ אַן אַנטלאָפענער,
מיין אומרו ווי אַ טשאַיקע איבער זומפּן פלאַטערט.

אין ווייטע נעכט פאַרזייט, פון וואונדן אויסגעיאַטערט,
פון טעג פון האַרטע אַ געשטיקטע און געוואָרגענע,
בליט אויף אין מיר אַ פרייד, אַ יונגע, לאַנג פאַרבאָרגענע.

2

אָ, ערד, פֿאַרדאַרטע, הוילע, קיין מאָל ניט געאַקערטע,
ווער קען דיין שטילע פֿרייד? ווער זעט דיך אָ באַגליקטע,
ווען דיינע נעסטן זיינען פֿול מיט פֿייגל אויסגעפּיקטע,
ווען דיינע זומפּן ברענען רויט, פֿון זונפֿאַרגאַנג צעפֿלאַקערטע?

אין טויבע טעג, ווען רעגנס אָסיענדיקע ציען זיך,
ווער פֿילט דיין שטומע פּיין? ווער זעט דיין שווערן אומעט,
ווען ווייט ביי דיינע ראַנדן גייט דער טויט אַרומעט
און ווילדע גענדז פֿון דיר שרעקנגעסוויז צעפֿליען זיך?

נאָר ייִנגלעך דאַרפֿישע דערפֿילן אָפּט דיין פֿרייד
און לאָזן זיך צו דיר אַוועק זאַלבעדריט און זאַלבעצווייט
ביי דיינע ברעגעס בלייבן זיי פֿאַרציטערט שטיין.

ווייל ווען־ניט־ווען פֿאַרפֿירט פֿון דאָרן אַ בייזער שד
אַ שיינעם שטאַרקן יונג אין טונקעלן אָטשערעט
און ס׳ווערט אויף אייביק דאָרט פֿאַרפֿאַלן זיין געביין.

ציגײַנערס

ציגײַנערס רײַטן אַלץ אויף הפקרדיקע טעג,
ווי אויף פֿערד געגנבֿעטע חוצפּהדיק און פֿרײדיק.
אַ יעדער וואַלד איז אָפֿן, יעדע חורבה לײדיק,
אַוואו זיך אָפּגעשטעלט: אַ הײם, אַוואו געשפּאַנט: אַ וועג.

די פֿויער נאַרישער, די שוויץ און גראָב און אַקער.
אַ, יונגער זומער־טאָג, אַ כרופּקער און געשמאַקער,
אַ, יונגער זומער־טאָג, כרופּקער און געשמאַקער,
ווי אַ חזירל אַ יונגס, אַ פֿריש געבראָטנס!

דער הימל לעשט זיך אויס, דער זומער־טאָג פֿאַרבײַ איז.
ציגײַנערס ווערן וואָך און גאַרעוודיק ווי חיות.
זײ סודען זיך און שושקען זיך אַרום דערשטיקטע פֿײַערן.

די נאַכט פֿאַלט צו און גליווערט: אַ שטומע, שוואַרצע וואַנט.
דאָס פֿערד־און־וועגעלע איז לאַנג שוין אײַנגעשפּאַנט,
ציגײַנערשע שוואַרצאַפּלען פֿינקלען: אַ נאַכט אַ טײַערע!

אַן אַלטער קראַנקער פֿויער

אַן אַלטער קראַנקער פֿויער שלעפּט זיך פֿון דער כאַטע,
זען ווי עס זיינען אויפֿגעגאַן די זריעות.
ווי וואָרצל־קראַנקע שטאַמען בויגן זיך די קניעס
און וואַסערדיקע אויגן קוקן תּמעוואַטע.

אַן אַלטער פֿויער שטייט ביים ברעג פֿון גרינע פּלאַכן
און קוקט אויף גרינגראָז שפּראָצנדיקן, יונגן.
ווייט אין פֿעלד אַ קול האָט הילכיק זיך צעזונגען
און יונגע שיקסלעך ווי סאָראָקעס גראַגערן און לאַכן.

אויסגערוטע אָקסן שלעפּן פּלוגעס, בראָנעס.
בערעזעס טריפֿן שווער מיט טערפּקע־זיסן האָניק
און אין דער הויך באַהאַלטן זינגט אַ זשאַוואָראָנעק.

דער אַלטער שטייט מיט מיד אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען
און האָרכט, ווי יונגע ווייצנס, קאָרנס, פֿלאַקסן
שעפּטשען האַפֿערדיק: מיר וועלן וואַקסן, וואַקסן, וואַקסן.

דער זקן אין אַ ווינטערנאַכט

די לאַנגע, שטומע נעכט — אָ, ווי זיי גריזשען מיך און נאָגן.
זיי וואַרטן אַלץ אויף מיר מיט קאַלטע, שטיינערנע געלעגערס,
מיט זשאַווערדיקן קלאַנג פון הונדערט מידע זייגערס
און מיט דער פּיין פון נייע, פּראַסטיקע פּאַרטאָגן.

ווער דאַרף זיי דען — די ווערעמדיקע טעג? איעדער איינער
ווי אַ הונט אַ קראַנקער שלעפּט זיך שלעפּעריק און פויל
און וואַרפט זיך דאָך מיט סליניקן, אָנצייינערדיקן מויל
אויף אַלע האַרטע, לאַנג שוין אויסגענאַגטע ביינער.

אָ, ווי ס'איז מיר שוין דערווידער
דער כאַרכל פון מיין אָטעם, דער סקריפּ פון מיינע דאַרע גלידער,
דער שאַר פון מיינע שריט, די דריבנע און הכנעהיקע.

אַראָפּגעוואָרפן די שאָלעכצן פון הויט און בלוט און ביין,
די לאַסט פון טאָג און נאַכט — און אַ באַפרייטער גיין
אויף וואָלקנס ווייסע, פּוכיקע, אויף וועגן שוין ניט דאָאיקע.

אַן אַלטער פּויער איז געשטאָרבן

אַן אַלטער פּויער איז געשטאָרבן אויפן אויוון.
אַראָפּגענומען האָט אים באַלד פון דאָרט דער איידעם
און אָנגעטאָן אים זיינע יום־טובדיקע קליידער.
געוואַשן און פאַרקעמט אים האָט אַן אַלטע קרובה.

אין סאַמע מיטן שטוב האָט מען אויסגעבעט דעם אַלטן,
צוקאָפּנס חלב־ליכטלעך טרערן הייסע גיסן.
ליגט ער שטיל: דאָס מויל געעפנט, ווי צו אַ גוטן ביסן,
די געלע, טויטע הענט אַ קאַלטן צלם האַלטן.

צוויי איידעמס האָבן לאַנג געגראָבן אויפן צווינטער.
אַריינגעקוקט אין קבר האָבן פרעמדע קינדער
און אייניקלעך פאַרוואונדערטע אַ כאַפּטע.

און ווען מען האָט אין גרוב אַראָפּגעלאָזט דעם אַלטן,
האָט סיפּקע ערד זיך גיך אַ שיט געטאָן דורך שפּאַלטן
און דאָס מויל דאָס אָפענע פאַרשטאָפּט אים.

אַ טשיקאַדי

אַ לויב־געזאַנג דער ליבער, פלינקער טשיקאַדי!
ליב איז, ווי איר נאָמען, איר גופל און איר ליד.
סע שאַלט אין וואַלד איר ליד געניט, געניט, געניט,
און וועקט מיין פרייד פון שלאָף אין יונגן אינדערפרי.

זי איז פון הי — און איז ניט פון הי.
איבער ווייטע שטרעקעס קלינגט איר פרילינג־ליד —
ווער קען דען נאָכיאָגן מיטן ווינטס געמיט
דעם פלי, דעם פלינקן, פון אַ טשיקאַדי!

אַט הער איך אין געהילץ איר פיסקלס גיכן קריץ,
אַט טוט מיר פאַר די אויגן ווי אַ בליץ אַ שפּריץ —
זי רופט שוין פון אַ סאָסנע, פונעם סאַמע שפּיץ.

איצט שטייט זי אויף מיין האַנט און פּיקט און פּיקט אַ ניסל.
אַ, אייל זיך ניט אַזוי, פּאַמעלעך פּיק דאָס ניסל,
און לאָז מיר זען אַ ביסל די פרייד פון דיין געניסל!

1944

ווינטער

אַ הונגעריקער האָז, אַ קוואָרער, אויסגעדאַרטער,
מיט שלאָפּע לאַפּקעס שאַרט די האַרטע, קאַלטע סקיבע:
אפשר איז נאָך דאָרטן אונטער שניי פאַרבליבן
אַ גרעזל וואו אַ גרינס, אַ קרייטעך וואו אַ צאַרטער.

פאַרקאָוועט האָט דער ווינטער דעם מיזערנעם ביסן,
ווי שפּרודלדיקן קוואַל פאַרפרוירן גלוסט און פרייד
און יאוש איבער פעלדער מיט שניי באַגלייך צעשפּרייט.
איז אַלץ וואָס האָט, פאַרבענקט, פון דר׳ערד זיך אָפּגעריסן

מיט פיס, מיט פליגל, מיט אויגן און מיט קול,
אין יאוש יאָמערט: ווען נאָך וואַרעם זיין אַמאָל?
האָט זון און זעט אויף תמיד אונדז פאַרלאָזט?

אָבער פול בטחון שווייגן ביימער אינעם פראָסט.
גרינס און צוויט אין דאַרע צווייגן וואַרטן,
ווי דער פלאָם אין פייערשטיין אין האַרטן.

ביינאַכט אין אַן עסטרייכיש שטעטל

ביים פענצטער אין האָטעל „צור גאָלדענער קאַנאַנע":
אַ פּאָר האָרבאַטע געסלעך צופוסנס פון אַ באַרג,
אַן אַלטער, גראָבער קלויסטער, אַן אויסגערוימטער מאַרק
און אַ קליין־שטעטלדיק צופרידענע לבנה.

ס'איז אַלעס איין משפחה, אַלטע, גוטע שכנים:
דער צווינטער און דער מאַרק, דער קלויסטער און די שענק.
מע שטיצט זיך מיט די אַקסלען, מע רוקט צונויף זיך ענג —
אינאיינעם אויפגעוואַקסן, געוואָרן אַלט אינאיינעם.

ס'איז שפּעט. אַ קול צעהילכט זיך וואו און רייסט זיך אָפּעט באַלד,
אַ פענצטער ווערט פאַרלאָשן, אַ טיר ווערט צוגעפּראַלט,
אַ שיכור שלעפּט זיך שטום מיט מידן, שווערן גאַנג.

גאַנץ שטיל. נאָר ווען־ניט־ווען דער קלויסטער זייגער שאָלט
און קלינגט פאַמעלעך אויס דעם אייגענעם געדאַנק:
כ'האָב צייט—פאָר קלאַנג. דער טאָג—איז לאַנג. די נאַכט—איז לאַנג.

דולהויז

ער איז געווען דאָ היינט — דער בלייכער, ווייסער, טויטער.
ער האָט די טיר פאַרהאַקט און שטייט אַלץ פאַר דער טיר.
בעט איך זיך ביי אים און כ'קריך אויף אַלע פיר:
אַ שטיקל ברויט מיט פוטו! אַ שטיקל פוט מיט ברויטער!

אַ שטיל געוויין פון מיינע פיבערישע הענט,
געשריי דערשטיקטער פון צעפלאַקערטע שוואַרצאַפּלען —
איך גיי אַרויף, אַרויף, אויף טויזנט רויטע שטאַפּלען,
און יעדער שטאַפּל בריט, און יעדער שטאַפּל ברענט.

אַ יעדער שטאַפּל ברענט און יעדער טריט איז רויט —
אַ שטיל געוויין פון מיין צעגליטער הויט:
אַ שטיקל ברויט מיט פוטו! אַ שטיקל ברויט מיט טויט!

איך שטיי ביים סאַמע שפּיץ, איך: בנימין טשעפּוכאַ —
אַ לויטערער אַזאַ, אַ ליכטיקער אַזאַ,
און כ'זינג אַראָפּ דער וועלט: אַ־אַ, קאַטי דוואַ *).

*) אַ־אַ, קאַטי דוואַ (איי־איי, קעצעלעך צוויי) פון אַ פּויליש קינ־דערליד. — מ. נ.

פליטים

מיר ריידן שטיל. מיר שווייגן. מיר ווילן זיין אַליין.
אין הינערפּלעט פון טעג מיר זוכן אַ באַשייד.
מיר וועלן צאַנקען שטום, שטאַרבן פאַר דער צייט.
די ערד וועט פאַלן שווער אויף אונדזער מיד געביין.

נאָר נאָכדעם, נאָכדעם — געלייטערטע און פרייע,
מיר וועלן זיך פאַרבענקטע טראָגן, ריי נאָך ריי,
פון ניו־יאָרק, שאַנכאַי, בראַזיל און אורוגוואַי,
צוריק צו דיר, אייראָפּע, מוטער ניט־געטרייע!

אין שטעט צעשטערטע, אין איינעם און צעשיידט,
מיר וועלן בלאָנקען דאָרט, פאַרטאַיעט, שטומערהייט,
וואו ס׳ציטערט נאָך דאָס עכאָ פון אונדזער יונגער פרייד.

אויף קברים אָן מצבות, אַ בית־עולם אַ פאַרשוועכטן,
מיר וועלן זוכן רו און וועלן זיך פאַרפּלעכטן,
רינגען עלנטע, מיט דער קייט פון נעכטן.

אַ, מענטש נאָך מיר

1

אַ, מענטש נאָך מיר, אין קנויל פון ווייטע טעג —
אַ רוף איך וואַרף צו דיר, אַ רוף אַ גרילציק־שאַרפן,
הגם איך ווייס: ס'איז קינדיש וועלן וואַרפן
אַ זעמדל איבער ימען צו אַ צווייטן ברעג.

ברודער מיינער אין אַן סופיקן טומאַן —
אין היילן נאַכטישע און איבער ווייסער פלאַך פון טעג
ציט זיך מיין געדאַנק און זוכט צו דיר אַ וועג,
ווי אַ טראָפן טוי צום ווייטן אָקעאַן.

איך ווייס ניט, צי ווי איך, פון יונגן גליק באַלייט,
טראָגן וועסט דעם גוף מיט גאַוווהדיקער פרייד,
פון ערדישן געוועב אַ צירונג און אַ קלייד.

איך ווייס ניט, צי ווי איך, פאַרוואָרצלט, איין־אַליין,
אין מיטן פעלדער צייטיקע צעדאַוונט וועסטו שטיין
און פילן: אַלץ אויף ערד איז לויטער, דורכזעבאַר און ריין.

2

נאָר מיט ברידערלעכן צער איך פיל און ווייס,
אַז ס'וועט זיך אונדזער פּיין אין גלייכן קניפּ פאַרקניפּן
און אַז דער הייסער סם, וואָס בריט איצט מיינע ליפּן,
אויף דיינע ליפּן וועט אויך בריען הייס.

און איך פיל מיט ברידערלעכן ווײ,
אַז דעם יאוש־רוף, דעם גרילציקן און שאַרפן,
ניט פאַרטויבן וועלן דיינע שטאָלצע האַרפן —
סע וועט זיך אויך דער גרילץ אַרויסרייסן פון זײ.

אין קלעם פון שאַרפן ווײ, ביים סוף פון דיינע טעג,
וואַרפן וועסטו אויך, אין בענקשאַפט און אין שרעק,
אַ רוף אַריבער ימען צו אַ צווייטן ברעג.

ווייל אויף דיר וואַרט אויך, פון דורות ניט געשוועכט,
דער גורלדיקער גאַנג אין שטעכיקן געפלעכט,
די שטומע פּיין פון לעצטע, צאַנקענדיקע נעכט.

רו און אומרו

אָ, בייטאָג בין איך גלאַט, ווי אַ רואיקער טייך

אָ, בייטאָג בין איך גלאַט, ווי אַ רואיקער טייך,
מיט אַ לויטערער טיף, מיט אַ גלאַנציקער פלאַך
און איך שיין אין דער זון און איך גלאַנץ און איך לאַך.
פאַלט אַ שטיין ווען אויף מיר, צי אַן אומריינע זאַך,
טוט אַ ציטער נאָר קורץ מיין צעבראָכענע פלאַך,
און איך ווער ווידער גאַנץ און איך גלאַנץ און איך לאַך.

נאָר ביינאַכט וואַך איך אויף מיט אַ פיין, מיט אַ שרעק,
כ׳טו אַ וואָרף זיך צום ברעג און געפין ניט קיין ברעג,
איך דערפיל ווי אַ וואונד יעדן שטיין אויף מיין גרונד,
יעדע אומריינע זאַך שווימט אַרויף אויף מיין פלאַך,
אויף מיין אומרו־צעבראָכענער פלאַך.

רואיקע נאַכט

כ׳וואָלט איצט געוואָלט ווי די נאַכט אומעטום שטיין אויף וואַכט,
זיין נאָר די רו און די שטילקייט, זיין נאָר די טרייסט פון דער נאַכט:
שעפּטשענדיק טרייסטיקע ווערטער, זיצן ביים בעט פון אַ קראַנקען,
קילן די שליף די צעהיצטע, וואו ס׳עגבערן סומנע געדאַנקען.
שטום מיט געפאַנגענע מענטשן אויפברעכן שלעסער געהיים,
מידע, געפאַלענע פרויען פריינדלעך באַלייטן אַהיים.
זעלבסמערדער רופן ביים נאָמען, דרוקן זיי קרעפטיק די האַנט,
און זיי דערציילן פון גליק — פון אַ וייטן, גאַנץ אַנדערן לאַנד.
מיט אַ מיד־גליקלעכער מוטער נייגן זיך איבער דער וויג,
און מיט אַ חברה גנבים שושקען זיך אונטער אַ בריק.

נאַכט-איינזאַמקייט

כ׳האָב שפּעט ביינאַכט געלייענט און געלייענט
און מיטן בוך אין האַנט זיך לאַנג פאַרטראַכט
און ווידער לאַנג געלייענט. פּלוצלונג זע איך:
דער גאַז גייט אויס, דאָס ליכט ווערט שוואַכער, קלענער,
אַ גרינע דעמערונג פאַרווישט די ווענט, די זאַכן,
און ס׳ווערט אַלץ טונקלער, טונקלער. אויס — פאַרלאָשן.
אַך, דאָס האָט אַצינד אַזוי מיר באַנג געטאָן,
נאָך מער ווי ווען פאַרנאַכט די זון פאַרגייט.
איך ליג אין בעט מיט אָפן־בלינדע אויגן
און ווי אַ שטראָם, וואָס ווייסט ניט פון קיין אָפּרו
און קאָן ניט בלייבן שטיין, רוט ניט דער געדאַנק.
אַ שמאָלער וועג דער מענטשלעכער געדאַנק,
מיט טונקלע שטרעקעס צוויי, חלום און שגעון,
אויף ביידערזייט פון וועג, רעכטס און לינקס פון וועג.
איך גיי איצט אויפן וועג, איילִיק און אָן אָפּרו,
אַלץ ווייטער, ווייטער, ווייטער — און ווייס שוין ניט אַליין,
צי בין איך אויפן וועג, צי רעכטס, צי לינקס.
אָ, וואָלט דער טאָג געקומען איצט צוריק
און אויפגעבויט באַנייס די וועלט פון ערד און הימל!
אָ, וואָלט דער טאָג געקאָנט צעשפּרייטן איצט
דעם שמאָלן וועג פון מענטשלעכן געדאַנק
אויף וועגן, שליאַכן, בריקן, טראָטואַרן.
נאָר ניין, ס׳איז נאַכט. איך בין אין פּוסטן רוים,
אַליין פאַר זיך אין רוים, אַזוי ווי פאַרן טויט,
און מוז אַלץ ווייטער גיין, איילִיק און אָן אָפּהאַלט,
דעם שמאָלן וועג פון מענטשלעכן געדאַנק.

איך גיי אין דער העלער נאַכט

איך גיי אין דער העלער נאַכט:
רואיק דרימלט די ערד,
שטערן איבער מיין קאָפּ,
איבער דער העלער ערד.

פאַרבענקט האָט זיך היינט מיין האַרץ
צו וועגן פון ערדשטויב פריי,
זיי פירן אין בלויען רוים
לעבן די שטערן פאַרביי.

פאַרבענקט האָט זיך היינט מיין האַרץ,
פאַרגעסענע וועגן דערמאָנט —
איך גיי אין דער העלער נאַכט
ביז צום ברעג האָריזאָנט.

ווידער דער אייגענער וועג:
רואיק דרימלט די ערד,
שטערן איבער מיין קאָפּ,
איבער דער שטילער ערד.

קומען וועט איין מאָל די שעה,
היינט פון מיין האַרצן דערמאָנט —
כ׳וועל גיין מיט שטומע טריט
ביז צום ברעג האָריזאָנט.

דאָרט וועט זיך שפּרייטן דער וועג,
געפילט פון מיין בענקשאַפט פריר:
שטערן איבער מיין קאָפּ,
שטערן טיף אונטער מיר.

פון אַלע זייטן קומט אָן די נאַכט

פון אַלע זייטן קומט אָן די נאַכט.
ווי אַ שוואַרצע כוואַליע פאַרפלייצט זי די וועלט.
ניטאָ קיין וועגן, ניטאָ קיין ווייטקייט,
אַלץ ליגט טיף אויפן דנאָ פון אַ תהום.
די אויגן פאַרמאַך איך ווי לאָדן ביים פענצטער.
אָ, מיין גייסט! פלאַקער אויף ווי אַ פלאַם אין דער נאַכט!
אין דיר שפרייט זיך אויס יעדער וועג, יעדע ווייטקייט,
דו ביסט אַליין איצט די וועלט.

יעדן אָוונט שטאַרבן מיר

יעדן אָוונט שטאַרבן מיר,
ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן
אין די ווייסע, נידעריקע בעטן,
ווי אין קבר אויסגעצויגן.

ווער סע נייגט זיך איבער תהומות,
ווער סע שוועבט אין לאַנד פון גליק —
אָבער אַלע רוען מיר צופרידן,
גלייך ווי קינדער אין דער וויג.

קומט דער טאָג ווי תחית־המתים,
פראַלעט אַלע קברים אויף.
צינדן זיך די אויגן אָן ווי פלעמלעך,
קוקן אויפן וועג אָן סוף.

ווער סע שלעפט זיך שווער און שווייגט,
ווער סע טענצלט אום און לאַכט —
אָבער אַלע פרייען מיר זיך
אויפן קבר אין דער נאַכט.

סע בליען פֿאַרדעקט דיינע הענט

סע בליען פֿאַרדעקט דיינע הענט,
ווי מאַי־גלעקלעך ווייסע אין שאָטן.
סע האָט זיי קיין גליאיקע זון,
קיין תּאווהיקער קוש ניט געבראָטן.

סע האָבן נאָר טרוימען פֿון גליק
געוויגט זיי אין חלום אין צאַרטן,
ווי זילבערנע טראָפּנס פֿון טוי.
זיי בליען און בליען און וואַרטן.

כ׳דערמאָן זיי אין איינזאַמע טעג
און זינק אין אַ בענקיק פֿאַרטראַכטן
פֿון ערגעץ אַ שטיבל אין וואַלד,
פֿון טרייסטיקע, גוטע פֿאַרנאַכטן.

אַ לויטערער הימל

אַ לויטערער הימל, אַ וואַלד און אַ פֿעלד
און דו אין דער מיט —
סע האָט זיך מיין טונקלסטע טיפֿקייט צעהעלט,
מיין גליק זיך צעבליט.

אָט דאָס איז מיין רואיקסטע היים אויף דער וועלט,
מיין בענקשאַפֿט פֿון פֿריר:
אַ לויטערער הימל, אַ וואַלד און אַ פֿעלד
און דו לעבן מיר.

אין קלויסטער

מיין ליבסטע איז קיין ײדיש קינד.
זי טראָגט אַ צלמל פון גאָלד.
כ׳האָב צופעליק געקושט עס הייס,
ווען קושן כ׳האָב איר האַלדז געוואָלט.

אין קלויסטער גיי איך אָפט מיט איר.
זי פּרעפּלט שטיל, דעם קאָפּ געבויגן,
און יעזוס קריסטוס קומט אויף איר
מיט רואיק־מילדע, גוטע אויגן.

מיין ליבסטע קניט און שעפּטשעט שטיל.
איך דאַוון אויך מיט איר אַצינד —
אַזוי געדאַוונט האָב איך נאָר
אין שול, פאַרנאַכט, אַ גלויביק קינד.

גוט איז אין אַרעגן

האַרבסט, אַ לאַנגער רעגן, פרי שוין נאַכט געוואָרן,
און אַ האַנט אַ ליבע לאָזט אַראָפּ די שטאָרן.

טיי, אַ פּאַפּיראָס, זאַפּטיק־רויטע עפּל,
און אַ פרוי אַ שלאַנקע מיט אַ בלאָנדן קעפּל
רעדט און לאַכט אַליין. כ׳הער זיך איינעט אַ פּאַרקלערטער
אינעם ליבן וואַסערפאַל פון אירע ווערטער.

שטילע, גוטע שעהען — נאָר עפּעס וואָרט אין מיר און וויאָנעט,
עפּעס וויל זי ראַטעווען, וויל אַוועק פון דאַנעט
אויף די הוילע פעלדער אינעם לאַנגן רעגן,
צו פאַרוויינטעביימער, אויף צעווייקטע וועגן.

גוט איז אין אַ לאַנגן, אָסיענדיקן רעגן
שלעפּן זיך פאַרוואָגלט אויף צעוויגטע וועגן,
צווישן הוילע פעלדער, אין אַ פּוסטער געגנט,
מיט דער וועלט זיך ווי אויף שטענדיק אָפּגעזעגנט.

ווי מאָדנע צו גיין

ווי מאָדנע צו גיין אויף די וועגן פון גליק
און טראַכטן פון טויט.
צי שטייען זיי תמיד אויף ביידער זייט בריק
דאָס גליק און דער טויט?

פאַרלאָז מיך ניט, גליק, אין דער שעה פונעם טויט!
כ׳וועל פּילן און הערן.
לאָז גליען און ברענען איר ביטערסטע טרער
מיין טויטקאַלטן שטערן.

מיר האָט באַשערט

מיר האָט באַשערט דער סוד פון אייביקייטן
אַ שריט פאַר גאָט, אַ שווערן וועג פאַר זיך.
איך לעב פאַר גאָט און לייד און שטאַרב פאַר זיך,
אַ בליץ אַ שוואַכער צווישן אייביקייטן.

מיט ברידער גיי איך, שקלאַפן פון איין תפיסה,
פאַרקאָוועט אַלע מיט דער זעלבער קייט.
כ'הויב אויף די הענט און פיל די שווערע קייט,
די קאַלטע מויער פון מיין צייט, מיין תפיסה.

טויזנט סטעזשקעס פלעכטן זיך צוזאַמען
און שפרייטן אויס פאַר יעדן דור אַ וועג,
נאָר איינזאַם, איינזאַם איז דעם מענטשנס וועג,
כאָטש טויזנט סטעזשקעס פלעכטן זיך צוזאַמען.

אַ מענטשן, ברידער, כוואַליעס פון איין ים!
פון אונדזער רוישן וועבט די צייט אַ ליד,
און יעדער קלאַנג פאַרהילכט אַליין אין ליד,
און יעדע כוואַליע שטאַרבט ביים פוסטן ברעג.

וואָכעדיקע טעג

וואָכעדיקע טעג, פּאַרפּאַראָשעט־ווייסע,
אויסגעשטעלטע אין אַ לאַנגער שורה,
אַזוי ווי אָנגעשטאָפּטע זעק מיט ווייץ —
גוט איז די, וואָס נעמען נאָכאַנאַנד אייך אויף די פּלייצעס
און טראָגן אייך צום רוישנדיקן מילשטיין
און פילן ניט אייער שטיינערנע שווערקייט
און די זשעדנע אומזעט פונעם מילשטיין.

צווישן אַט די רואיקסטע און שטילסטע
וואָלט איך אויך אַזוי געוואָלט זיך שלעפּן טריט נאָך טריט,
דעם רוקן און דעם קאָפּ געבויגן,
און קייען שווייגנדיק דאָס אַלטגעבאַקן ברויט.

אָבער מיר איז באַשערט
צו גיין אויף האַרטער ערד ווי אויף אַ ווייסן וואָלקן,
ווי פון רויטן ווייַן פאַרשיכורט זיין פון ווערטער
און נאָך מיט גרויע האָר צו רייטן אויף אַ הילצערן פערדל.

בייזער אומרו

בייזער אומרו פון מיין זשעדנעם בלוט,
טרייבסט אין מיטן טאָג מיך פון דער שטאָט אַרויס
צום הוילן פעלד, צום ווינטערדיקן וואַלד
און ביים ברעג פון טויטן וואַלד בלייבסטו שטיין
און וואַיעסט, וואַיעסט צו דער פוסטער וועלט.
בייזער אומרו פון מיין זשעדנעם בלוט,
יעדן אָוונט צינדסטו מיינע אויגן אָן
ווי לאַמטערנעס אין דער גאַס פון זנות.
טאַטשעסט אין מיר טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט,
אומרו פון מיין בלוט.

אויך משוגעים

אויך משוגעים האָבן חלומות
ביינאַכט אין די דולהייזער.
זייער חלום איז ליכטיק, פּשוט און קלאָר,
און לויטער ביז צום גרונט,
אַזוי ווי אַן אַזערע אין אַ זומער־פרימאָרגן.
אין חלום ריידן משוגעים
מיט געלייטערטער חכמה
וועגן מענטשן, וועגן זינען פון לעבן, און וועגן גאָט.

פאַרטאָג זאָגן זיי אַלע אַ תפילה אין חלום:
מיר דאַנקען דיר, גאָט,
פאַר דער טרייסט פון חלומות,
פאַר די רגעס פון רו,
איידער דער טאָג צעפלאַקערט זיך
מיט זיין פּיין און שגעון,
איידער אונדזערע פּנימער גליווערן,
פאַרקרימטע אין ווייטיק,
ווי ביי די וואָגלערס, וואָס בלאָנדזשען אין אורוואַלד,
אָן אַ וועג, אָן אַן אויסוועג.

ווען-ניט-ווען קומט זי אָן שריט

ווען־ניט־ווען קומט זי אָן שריט, זעצט זיך ביים ראַנד פון מיין בעט.
נאָענטקייט אירע אין חשכות מילד ווי אַ ווינטל מיך גלעט.

„ברודער, כ׳בין ווידער געקומען — ניט אויפן רוף פון דיין פּיין.
טויטע קומען אַליין, ווילן ניט אָפּגעשיידט זיין.
קוקן אַריין אין די פענצטער, ווען לאָמפּן אין שטיבער זיך צינדן,
זיצן צופוסנס אויף בעטן, שווייגן און שמייכלען ווי בלינדע״.

גוט וואָס ביסט ווידער געקומען. גוט, וואָס ביסט נאָענט און דאָ.
פיבעריש וואַרט איך אויף צייכן אין איינזאַמער נאַכטישער שעה.
ווי ביי אַ וואַכיקן קראַנקן זיצסטו ביי ראַנד פון מיין בעט,
דיין ניט־געזעענער שמייכל מילד ווי אַ ווינטל מיך גלעט.
שוועסטער, כ׳וויל זען דעם שמייכל, וואָס פלאַטערט אַרום דיינע ליפּן,
אַך, איך וויל זען דיין שמייכל, דיין פּנים פון יונגקייט פאַררויטלט!

„אויגן, פון טאָגשיין פאַרבלענדטע, קאָנען ניט זען די טויטע״.

פּיין האָט פאַרבלענדט מיך און טויטשרעק. ס׳נאַרט מיך מיין אייגענער רוף.
קול וויל איך הערן און וואָרט, ניט עכאָ פון אייגענעם רוף.
דורכברעכן וויל איך דעם גליווער, כ׳וויל פילן און זען און הערן:
גיב מיר אַ צייכן אויף וואָר, אַ בלוטיקע וואונד אויף מיין שטערן!

טויבע, פאַרגליווערטע שטילקייט. בלאַסער פאַרטאָג אויף דער וואַנט.
הייס, ווי אַ וואונד אויפן שטערן, פיל איך מיין אייגענע האַנט.

איך גיי אַראָפּ פון דיר, מיין ליכט־פאַרפלייצטער טראַקט

איך גיי אַראָפּ פון דיר, מיין ליכט־פאַרפלייצטער טראַקט
מיט רחבות לויטערער, מיט קוואַלנדיקן גליק.
אַ קבר האָט זיך אויפגעפּראַלט, אַ טיר פאַרהאַקט
און איינגעזאַפּט מיין וואָר, די וואָר פון קלאָרן בליק.

איך קער זיך אָפּ פון דיר, ממשותדיקע וועלט,
פון אַלץ, וואָס איז פאַראַנקערט, האַפּטיק און געוויס.
פון דיר, אַ הייסע זון, איבער מיין קאָפּ צעהעלט,
פון דיר, אַ האַרטקייט גוטע אונטער מיינע פיס.

איך לאָז אַוועק זיך וויליק אין נעפּל און אין דעמער,
דעם גאַנג דעם זיכערן פאַרלאָז איך אַן אַ קלאָג —
פון אַ רוף אין חשכות אַ האַרכער און פאַרנעמער
פאַרלעש איך, ווי אַ פאַקל, די קלאָרקייט פונעם טאָג.

פון מיין האַרץ געגאַרט

פון מיין האַרץ געגאַרט —
וועט אַריבער תהום אַ קול צו מיר דערגרייכן?
איך וואַרט, איך וואַרט
אויף די, וואָס דאַרפן רופן, אויף אָנזאָג און אויף צייכן.

ווי רויט צעבליטער מאָן
האָט זיך שטום מיין פּיין אין פינצטערניש צעפלאַקערט —
נאָר קיינער רירט ניט אָן
מיין אויסגעשטרעקטע, מיין פאַרבענקטע האַנט.

מיט מידע פליגל נידערט
מיין בענקעניש צוריק אויף קאַלטער, האַרטער ערד,
און שאַרף דערפיל איך ווידער
דעם שטומען גזר פון טויט, פאַר אַלעמען באַשערט.

נאָר אַן אַלטער שפּרוך
שאַלט צו מיר אַרויף, ווי פון אַ טיפן ברונעם:
דו וואָלסט מיך ניט געזוכט,
ווען וואָלסט מיך שוין אַפּריער ניט געפונען.

סע שיילן די טעג זיך פון מיר

סע שיילן די טעג זיך פון מיר
ווי טרוקענע קאָרע פוןביימער —
ביז וואַן וועל איך טאַפּטשען די ערד
און טרעטן מיין אייגענעם שאָטן?

נאָך בלאָנקט ניט אין טויען אויף גראָזן
מיין לעצטער טרונק וואַסער,
נאָך זיינען די פערד ניט געבוירן,
וואָס וועלן מיך שלעפּן אַ טויטן.

קלאָרקייט צייטיקע

קלאָרקייט צייטיקע פון מעגלעך שפּעטע יאָרן,
גוט איז דיין געטראַנק, געלייטערט, האַרב און קיל.
כ'טרינק און טרינק און ס'ניכטערט אויס זיך מיין זכרון
און כ'שמייכל מילד צו טעג פאַרשיכורטע אין שפּיל.

קלאָרקייט צייטיקע — באַרואיקט־מילדע שיין
איבער לאַנדשאַפט האַרבסטיקער אין לויטערע פּרימאַרגנס.
דורכזעבאַר איז אַלץ, ניטאָ מער קיין פאַרבאַרגנס.
יעדער מידער גאָרטן שטום און וויליק שטאַרבט.
ס'בליט די בלויע אַסטרע, לעצטער גלוסט פון האַרבסט.

לאָמיך ווילקים־שטום באַגעגענען מיין האַרבסט:
טרינקען דעם געטראַנק דעם לויטערן און קילן,
בענטשן דעם גערויש פון מאָלנדיקע מילן,
פונעם שפּעטן שניט נאָך אָפּפירן די סטויגן,
פאַר דער הוילקייט ניט פאַרמאַכן מיינע אויגן —
קלאָרקייט צייטיקע, פאַרבלייב אין מיינע אויגן!

מיין האַנט וועט צעפּאַלן אויף פּאָרעך

מיין האַנט וועט פּאַמעלעך צעפּאַלן אויף פּאָרעך,
מיין האַנט, וואָס האָט אין גליקלעכע רגעס
צערטלעך געגלעט
גלידער פון פרויען, קעפּלעך פון קינדער און רוקנס פון חיות.

מיינע אויגן וועלן צאַנקען און צאַנקען
און פּלוצלינג פאַרלאָשן ווערן
און זיין ווי אויסגעטריקנטע טייכן,
וואָס האָבן מיט פרייד געשפּיגלט אין זיך

דעם ברעג און דעם הימל, די זון און די כמאַרעס,
און יעדעס פייגעלע,
וואָס איבער זיי פאַרבייגעפלויגן.

מיט אַ טעמפּן וויטיק קוק איך אויף דער ווייטקייט,
ווי אַ צום־טויט־פאַרמשפּטער אויף דער טיר פון זיין צעל,
און פאַר טרויער פאַרדעק איך מיט דער האַנט די אויגן,
מיט דער האַנט די אויגן.

מילד צו מיין האַרצן דערגייט

מילד צו מיין האַרצן דערגייט
שושקעניש, רוישן, געזאַנג —
דו ביסט עס, לויטערסטע פרייד,
וויין פון מיין ערדישן גאַנג!

פיבעריש פיל איך דיין קומען —
איז מיר נאָך טרינקען באַשערט?
שטום, מיט פאַרשרפעטן גומען,
וואָרט איך אויף שטיינערנער ערד.

צייטלעך

מיר זיינען דער טרוים און די תאווה,
מיר זיינען דער האַס און די ליבע,
דאָס רואיקע דאָרף און די שׂרפה,
דער פלוג און די הייליקע סקיבע.

פאַרגעסט־זשע דעם אומעט, אַ ברידער!
מיר זיינען דער שטראָם און די בריק,
דער גילדענער זאָמד אויף די וועגן
צום לאַנד פון גן־עדנשן גליק.

פאַרגעסט־זשע די וואונדן, אַ ברידער!
מיר זיינען דער וואַלד און דער שטורעם.
אַ נייער געלעכטער וועט שאַלן
אויף אונדזערע רואיקע קברים.

אין איינזאַמער, נאַכטישער שעה

אין איינזאַמער, נאַכטישער שעה,
פון ערד און פון פורעם צעשיידט,
הער איך דעם אייביקן רוף:
ביסטו שוין רואיק און גרייט?

קאַרטשעט זיך, גליוועט מיין גוף —
אָבער מיין קול שטילערהייט
ענפערט דעם אייביקן רוף:
יאָ, איך בין רואיק און גרייט.

אויסגעשיילט האָט זיך מיין האַרץ
פון די צעוויטיקטע הויטן.
געגלעט האָב איך רואיק און צאַרט
קעפּלעך פון קינדערלעך טויטע.

פון גרויל, פון בראָך, פון אומקום
איינגעזאַפּט האָב איך די רו.
מיינע געלייטערטע אויגן
פאַלן שוין צו.

לעצטער נאָר פאַדעם פון שפּינוועבס,
שטאַרקער פון אייזערנער קייט,
ציטערט נאָך, איידער ער רייסט זיך —
יאָ, איך בין רואיק און גרייט.

איך בין שטיל

איך בין שטיל, איך בין שטיל אין דער נאַכט.
כ'האָב די אויגן פאַר בלינדקייט פאַרמאַכט.
ניט איך וואַרט, ניט איך בענק, ניט איך האָף —
איך בין שטיל, ווי אַ שטראָם פאַרן סוף.

צווישן פעלדער

אַ דאָרף צווישן וועלדער

דער דרימלענדיקער סאָסנע־וואַלד
האָט פּלוצלונג זיך געעפנט ברייט:
באַהאַלטן ווי אַ נעסט אין טאָל
האָט שטיל אַ דערפל זיך צעשפּרייט.

אַ סטאַדע קליינע, ווייסע הייזלעך
אויף ביידער זייט פוןברייטן שליאַך,
און סאַד נאָך סאַד, פאַרפלייצט מיט זון,
און הימל לויטערער אַ סך.

סע בראָט די זון. די וועלט ליגט שטום,
אָן בענקעניש און אָן פאַרלאַנג.
ווי אַ שוואַלב אָן פליגלרויש
פליט שטיל פאַרביי אַ יעדער קלאַנג.

אַ רוף פלאַמט אויף און ווערט פאַרלאָשן —
און שטילער ווערט נאָך איצט ווי פריר.
אַ גוטע מידקייט גיסט זיך אויס
אין וואַלד, אין גראָז, אין בלוט ביי מיר.

איך וואָלט געוואָלט: מיין אייגן לעבן
זאָל שטיל אַזוי ווי ס'דאָרף דאָ זיין —
אַזוי פיל בלויען הימל האָבן,
אַזוי פיל העלע זונענשיין.

ווינטער

סע האָט ווי אַ נעפּל אַן אומעט אַ מילדער
די פעלדער פאַרצויגן.
די שנייען שעמרירן ווי מאַטאַווע זילבער
און בלענדן די אויגן.

אַ פּחד גייט אומעט און פלאָשעט די קראָען
פון פוכיקע בעטן
און זעצט זיך אַ מידער אין שאָטן אין בלויען
פוןביימער־סקעלעטן.

די רו דרינגט אין האַרץ מיר און שפּינט דאָרט געפילן,
ווי צאַרטע געוועבן,
און שפּרייט אויס צופוסן אַ וועג מיר אַ שטילן,
אַן לעבן, אַן לעבן.

סע האָט מיך פאַרצויבערט מיט שטומע געזאַנגען
די שיינקייט פון שטאַרבן,
די שטילקייט פון טויטע, פאַרהילעכטע קלאַנגען,
פאַרלאָשענע פאַרבן.

איינגעקאַרטשעט אין זיך

איינגעקאַרטשעט אין זיך, מיד פון אַלע ווערטער,
ווי אַ קראַנקע חיה זוך איך פּוסטע ערטער
אין דער ווינטער־טויטקייט פון די הויכע בערג.

ווייסע, הוילע פלאַכן. שניי, ערד, שטיין.
גוט איז גאָרניט פילן, אומבאַטייליקט זיין ווי זיי.
אונטן, טיף אין טאָל: מענטשן. מענטשן? — ניין:
קליינע, שוואַרצע פלעקן אויפן קלאָרן שניי.

אויף דער לאָנקע

צווישן געלע קווייטן ליג איך אויף דער לאָנקע
און אַרום מיר רוישט עס, הוזשעט עס און זשומעט.
שוואַרצע, ברוינע זשוקלעך דראַפּען זיך אויף גראָזן
און פאַרטאַיעט לויפן מוראַשקעס אַרומעט.
קומט אַ בין פון ווייטן, זוכט און זוכט און זשומעט,
זעצט זיך אויף אַ געלן קווייט און ווערט אַנטשוויגן.
בליצט פאַרביי אַ שוואַלב, נידעריק ביים גראָז,
איילט צום נעסטל מיט אַ פולן שנאָבל פליגן.
אויף אַ ברייטער מעזשע אַ הונט יאָגט־נאָך אַ האָז.
טויטגעשריי. פריילעך לויפט דער הונט צוריק.
ווייסע זומערפייגעלעך פלאַטערן פאַרליבטע,
די פליגעלעך די דינע ציטערן פון גליק.
צווישן געלע קווייטן ליג איך אויף דער לאָנקע,
ערדישע מזלות יעדער בליק פאַרטרויט:
רוישן, הוזשען, זשומען, קניפּן זיך אין קייטן —
אייביק גלייכע רינגען: קאַמף, גליק, טויט.

נאָך שניט

אויף די פעלדער שטייען שאָקן ווייץ און קאָרן,
אין שערענגעס לאַנגע סנאָפּעס גאַנצע סטויגן.
פעלדער ליגן מידע, ווי אין קימפּעט פרויען,
מיט פאַרשטומטע ליפּן, מיט פאַרמאַכטע אויגן.

פירט מען אָפּ די סנאָפּעס, וואַכן אויף די פעלדער,
מאַכן אויף די אויגן — פאַלט אויף זיי אַ גרויל:
אויף אַ מעזשע זיצט דער אָסיענדיקער טרויער,
זאָגט צו הוילע פעלדער: אייביק וועט איר בלייבן הויל.

טשערעטן

איבער דעם פלאַך פונעם וואַסער לויפן אַרומעט טשערעטן,
יאָגן, פון פחד געטריבן, צווישן דעם תהום און די ברעגעס.
נייגן זיך נאָר פאַר די אָטעמס די לעצטע פון גוסעסע ווינטן —
בלייבן באַרואיקטע שטיין. שטרעקן זיך אויס צו דער זון.
פילן, ווי גליטשיקע פיאַווקעס נאָגן זיי טיף ביי די וואָרצלען,
אָבער אויף זוניקע שפּיצן וויגן זיך פלאַטערלעך ווייסע,
הוידען זיך בלויע ליבעלן, יאָגן זיך שוואַלבן און טשאַיקעס,
און אינעם לויטערן וואַסער פליוסקען זיך זילבערנע פישלעך.

ווען־ניט־ווען צווישן די זומפּן נידערט אַ טשאַפּליע אַ ווייסע:
שטרעקט זיך אויף ראַזעווע פיסלעך, פאָכעט מיט שניי־ווייסע פליגל —
און סע צעשיטן זיך גלאַנצן פון אַפריקאַנישע זונען.
ציטערן שטיל די טשערעטן, שושקען זיך איבער דעם וואונדער.

וואַקסט פון מיר, וואַקסט, איר טשערעטן, שפּראָצט אין דער הויך צו דער זון!
צווישן דעם תהום און די ברעגעס וויגט זיך אין רו און אין אומרו!
כ׳ווייס: ס׳וועט ניט קומען קיין טשאַפּליע פון אַפריקאַנישע לענדער,
אָבער צעפלאָשעטע ווינטן וועלן פאַרבייִיאָרגן שטענדיק.
גוט איז אין רוישיקן שטורעם ווילִיק־דערשראָקן זיך וויגן,
גוט איז אין רואיקן וואַסער טאָפּלען זיך ווי אין אַ שפּיגל.

דער ים נאָך אַ שטורעם

בלענדיקער שפּיגל מיין פלאַך.
דעמערניש בלויע די טיף.
איינגעוויגט ווייך אויף מיין דעק
שווייגט אַ פאַרזונקענע שיף.

אויפגעכאַפּט ערד האָט מיט שרעק
פּראַל פון מיין ווילדן פאַרלאַנג —
נישטיקער זאַמד איצט ביים ברעג,
שטויב פון מיין רוישיקן גאַנג.

אַ זומפּ אין מיטן וואַלד

אין מיטן וואַלד אַ זומפּ ליגט פאַרבאַהאַלטן:
אַ קבר, אַ פאַרזונקענער,
פאַר סאַסנעס אויסגעוואָרצלטע, דעמבעס מאַכיק־אַלטע,
בערעזעס יונג־פאַרשניטענע.

שטומע וואַסערן די וואָרצלען האָבן לאַנג געלעקט,
גענאַגט זיי טאָג און נאַכט עקשנותדיק,
ביז זיי האָבן איינציקווייז זיך אויסגעשטרעקט,
ווי פינגער פון אַ האַנט אַ טויטער שוין.

ביים ברעג פון זומפּ שטייט וואו־ניט־וואו אַ בוים־סקעלעט
און נייגט זיך צו זיין סוף אַ ווילינגער.
איבער טויטע שטאַמען שושקעט זיך טשערעט.
זייער שטויב צעפלאַקערט געלע וואַסער־ליליעס.

אין שאַרכיקן טשערעט שאַלט פויגלשער געזאַנג
און יונגוואַרג פּיקט זיך פון די שאַלעכצן.
מיט הייסן גיפט אין מויל שלענגלט זיך אַ שלאַנג
צו אַ זשאַבע, אַ שרעק־פאַרגליווערטע.

ביים ברעג פון זומפּ גייט ווען־ניט־ווען אַ מענטש אַרומעט,
פאַרוועבט אין שפּינוועבס פון פאַרנאַכטיקייט.
זיין צעציטערט האַרץ זאַפּט איין די רו, דעם אומעט,
די האַרבע טרייסט פון סוף און ווידערוואוקס.

רעקעט לעיק, 1942

אין אַ באַן אין האַרבסט

שלייערן פון רעגן האָט דער האַרבסט צעצויגן
איבער פעלדער הוילע, איבער וועלדער קראַנקע.
גיך פאַרשווינדט אַלץ, אָבער שטענדיק פאַר די אויגן
אומעט פון פאַרוועלקן, שטומער ווײ פון צאַנקען.

דורך די מוטנע פענצטער מענטשן קוקן שטומע
אויפן פעלד דעם וויסטן, אויפן וואַלד דעם קראַנקן:
טרויער קוקט אויף טרויער, אומעט שווייגט צו אומעט,
וויליק זאַפּט דאָס בלוט סם פון לעצטן צאַנקען.

ניין, מיר וועלן זיך ניט אויסבאַהאַלטן.
אַלע וועלן מוזן ביז צום סוף דערגיין.
אויף די בלינדע שויבן טריפן טראָפּנס קאַלטע,
טריפן טראָפּנס — אונזער אַלעמענס געוויין.

1933

צווישן מויערן



אין אַ שטאָט, וואָס שטאַרבט

אין גסיסה ליגט שוין לאַנג די שטאָט, מיין אַלטער פיינט,
און אָטעמט מיד און קראַנק און פילט דעם טויט שוין היינט,
זי גוס׳ט שטילערהייט, זי עקט זיך גאַס נאָך גאַס —
און ניט סע לאַכט מיין פרייד, און ניט סע קוועלט מיין האַס.

איך שטיי אַצינדביים ברעג פון גרויסן מתים־טאָל
און זע מיט וויי און שרעק מיין חלום פון אַמאָל.
און שטום מיין האַרץ זיך דרייט אין וויסטן קאַראַהאָד
און גוס׳ט שטילערהייט אינאיינעם מיט דער שטאָט.

אינוואַלידן בלינדע

אינוואַלידן בלינדע אין דער גרויסער שטאָט,
מיט איינזאַמען וויי,
מיט הערצער ווי וואונדן,
דערשראָקענע שריט,
ווי קינדער פאַרבלאָנדזשעט ביינאַכט אין אַ וואַלד.
זיי שטייען ביים ברעג פון די רוישיקע גאַסן,
צוגעדריקט גאַנץ צו דער שטיינערנער וואַנט
און בעטן נדבות מיט ציטריקע הענט,
מיט טויטע, פאַרלאָשענע אויגן.

אַרום און אַרום האָט דאָס לעבן צערוישט זיך,
און יאָגט אַלץ אַרום אין די גאַסן,
אַהין און צוריק,
אַזוי ווי אַ חיה מיט טויזנטער פיס,
און הוזשעט און הילערט און לאַכט
און שפּייט אין די הענט פון די בלינדע
קופּערנע, קליינע מטבעות.

סע שטייען די בלינדע צעטומלט
און הערן זיך צו צום רוישיקן לעבן,
ווי פריער אין קריג אין אַ פינצטערער נאַכט
צו ערגעץ אַ שלאַכט אין דער וויטן.

האַרבסטנאַכט

ס׳ציען זיך נעפּלען אין גאַז־ליכט אין גרינען.
נעפּלען ווי שפּינוועבס, לאַמטערנס ווי שפּינען.
ביימער דערפרוירענע שטאַרבנדיק שווייגן,
שוויגנדיק שיטן זיך בלעטער פון צווייגן.
עלנטע, מידע, פון יאוש געבויגן,
האָבן זיך מענטשן דערשראָקן באַהאַלטן
אונטער פאַרשלאָסענע אויגן:
קליינע צווי, טרוקענע, דאַרע געשטאַלטן,
שטייען און וואַרטן ביי איטלעכער שוועל —
די נויט און דער טויט.

קוקן און קוקן אין נעפּל אין גראָען,
ציילן די רגעס און ציילן די שעהן.
נעמט נאָר שאַריען די מאָרגנשיין בלייך,
שטרעקן זיך בײדע — אין דער הייך, אין דער הייך,
הויבן זיך, הויבן זיך העכער און העכער,
אַריבער די ביימער, אַריבער די דעכער.
וואַקסן און וואַקסן פאַנטאַסטיש און גרויס,
לייגן די הענט שוין אַרויף אויפן הויז.
פלאַקערט די מאָרגנשיין העל,
שטייען ווי ריזן ביי איטלעכער שוועל
די נויט און דער טויט.

דיין הייסער אָטעם, שטאָט

קיינמאָל האָב איך ניט געפילט אַזוי דיין הייסן אָטעם, שטאָט,
ווי אין אַ לויטערן פרימאָרגן,
ווען ס'האָבן ברויזנדיק געשטראָמט דורך דיינע גאַסן קעפ נאָך קעפ.
פון אַלע אויגן האָט צוריקגעשפריצט דער געלער זונענשטראַל,
און ס'האָט דער מענטשנשטראָם געקייקלט זיך ווי פֿליסיקער מעטאַל.
און כ'האָב געפילט,
אַז אַלץ, וואָס איז פאַרגליווערט, האַרט און אויסגעקילט,
ווערט לויז און הייס און יונג
און וויל ניט בלייבן שטיין אויף דעם זעלבן אָרט,
אַז קאַלטע שויבן ווערן אָנגעצונדן פיבעריש,
אַז יעדער שטיין ווערט דורכזיכטיק און גרינג,
אַז מויערן קלעטערן דרייסט אין דער הייך, שטאָק אויף שטאָק,
אַז קוימענס מאַכן אויף די שוואַרצע מיילער
און רעווען הילכיק, ברייט צעצויגן: ר ע וו אָ ל ו צ י ע !

אַ הײמלאָזער אין פּאַרק

פּנימער רואיקע: טויערן פּאַרשפּאַרטע.
ווי אַ שווערער שלאָס הענגט אויף זיי דער גלײַכגילט.
אָך, עס גליטשן זיך אַראָפּ פון זיי אַלע מײַנע בליקן —
די בעטלערישע בליקן פון אַ בלודנעם הונט.

באַלד וועלן זיי מיט שלעפּעריקע שריט
צעקריכן זיך אַהיים,
אַהיים, אַהיים —
אַ יעדער צו אַ הויז, אַ צימער און אַ בעט.

איך וועל בלײַבן ביי אַ רינשטאָק ליגן,
פון אַלע בעטן און אַלע הײַזער אויסגעשפּיגן.

איז אײדער זיי צעגייען זיך פון פּאַרק,
איז כאָטשבע איינעם אָנכאַפּן ביים קאַרק,
און כראָקען אים אין פּנים יענע מיאוסע היפּע,
וואָס קריכט אַרום אַלץ ווי אַ שפּין אויף מײַנע ליפּן.

אינעם גרויסן צינזנהויז

אינעם גרויסן צינזנהויז, העכער איבער מיר,
הער איך שטילע טענער: אימיץ שפילט קלאַוויר.
שטילע, ריינע קלאַנגען, מעלאַנכאָליש ווייך,
ווי אַ גוטער רעגן פאַלן פון דער הייך.
אָנגעהויבן בליען האָבן אין זכרון
שעהען, טעג, פאַרנאַכטן פון די יונגע יאָרן.
און איך האָב דערמאָנט איצט, עפּעס טיף באַטריבט,
אַלע שיינע מיידלעך, וואָס איך האָב געליבט.
אויגן טונקלע, בלויע, לאָקן שוואַרץ און בלאָנד,
רויטע, רויטע ליפּן האָב איך איצט דערמאָנט.
און איך האָב דערמאָנט איצט אין דער טריבער שעה,
אַז מיין בלוט ווערט קילער, אַז איך ווער שוין גראָ,
אַז עס קומען איצטער בלאַסע, סקוטשנע טעג
ביז צום לעצטן ברעג, ביז צום סוף פון וועג.

קיבאנגע גורו

אַפריקע, ווילדע, וואונדערלעכע וועלט!
נעם מיך אויף אַן איינזאַמען און מידן,
קיל מיך אָפּ מיט שאָטנס פונעם אור וואַלד,
וויג מיך ווי אַ ניי־געבוירן קינד!
כ׳וויל פאַרגעסן אַלע מיינע יאָרן,
אַלע דושנע, רווישנדיקע שטעט,
אַלע ווייסע פּנימער פון וואַקס.

האָב איך מיר אַ שוואַרצע פרוי גענומען
פונעם שטאַרקן, שטאָלצן שטאַם וואַהומאַ.
רוישט דער אורוואַלד אין איר יונגן בלוט
און דער רעוו פון הונגעריקע לייבן
שטומט אין איר באַגער. און פאַרגעסן האָב איך
אַלע ווייסע פרויען מיט פּנימער פון וואַקס
און מיט קאַלאַמוטנעם וואַסער אין די אָדערן.
האָט מיין פרוי געבוירן מיר אַ טאָכטער
און אַ נאָמען איר געגעבן: קיבאַנגע גורו.
אין דער שפּראַך פון שטאַם וואַהומאַ הייסט עס:
זאָמען פונעם ווייסן מאַן.

וואַקסט מיין טאָכטער וואונדערלעך און ווילד,
מיט אַ טונקל־ברוינער הויט ווי נוסהאָלץ,
און מיט בלויע אויגן צווישן שוואַרצע וויעס,
און מיט בויגיק־שלאַנקע גלידער פון אַ סאַרנע.
שמייכלט מילד און גייט מיט שטילע טריט.

גייט זי ווען פרימאָרגן אינעם וואַלד,
טרעטן רויטע מערעשקעס איר אָפּ פון וועג
און די ווילדע חיות טוען איר קיין שלעכטס.
מאַלפּעס קריכן אויף באַנאַנען־ביימער הויך,

וואַרפֿן איר אַראָפּ די צייטיקסטע באַנאַנען.
פֿאַרביקע פּאַפּוגעס ווילן זי באַלייטן,
שפּרינגען אויף די צווייגן ביז צום ברעג פֿון וואַלד,
אָדער זעצן זיך אויף אירע אַקסלען.

גייט זי ווען ביים ברעג פֿון ברייטן, שטילן שטראָם,
שטעלן זיך די פֿישלעך אין אַ שורה אויס,
מיט די פֿיסקלעך אויסגעדרייט צום ברעג.
דאַרשטיקע זשיראַפֿעס הערן אויף צו טרינקען,
שטרעקן אויס צו איר די לאַנגע העלדזער,
און גאַזעלן קומען לעקן איר די הענט.
ריזיקע העלפֿאַנטן און מאַסיווע שטראָם־פֿערד
שטעלן אויס זיך אין דער ברייט פֿון שטראָם
און זי גייט צום צווייטן ברעג אַריבער
איבער ברייטע רוקנס, גלייך ווי אויף אַ בריק.

און פֿון ווייטע לענדער קומען גאַנצע שטאַמען,
טראָגן אויף די פּלייצעס זעלטענע מתּנות:
פּירות פֿונעם ברויטבוים, זיסע וואָרצלען,
קוואַס פֿון גערשטן און באַנאַנען־מעל,
קרעלן גלעזערנע און רויטן שטאָף.
מענער פֿונעם שטאָלצן שטאַם וואַהומאַ
קושן יעדן סליד פֿון אירע טריט,
לייגן איר צופֿוסן זייערע כּלי־זיין,
שפּיזן, בויגנס און פֿאַרסמטע פֿיילן,
פֿאַלן אויף די קניעס, בעטנדיק אַזוי:
קיבאַנגע גורו, מוטער פֿון אַ נייעם שטאַם,
וואָס וועט געוועלטיקן דורך לאַנגע דורות
איבער אַלע לענדער ווייט און ברייט —
קיבאַנגע גורו, טו אונדז ניט קיין שלעכטס!

איז מיין טאַטער אויסגעוואַקסן ווילד,
אַ גייער וואונדער אינעם וואונדערלאַנד.
פיל איך, אַז דער שניי פון ווייסע האָר
האָט שוין אָפּגעקילט מיין קאָפּ אין גאַנצן,
אַז מיין בלוט רינט שווער, ווי אַ מידער שטראָם,
מיד פון לאַנגן לויפן און פון שווערע שיפן,
רוף איך צו מיין טאַטער אין מיין לעצטער שעה:
קיבאַנגגע גורו, מוטער פון אַ נייעם שטאַם,
שיינע, וואונדערלעכע טאַטער מיינע —
איך בין שוין מיד פון גליק, זאַט פון טעג און נעכט.
ס'ציט די ערד מיך ווי אַ צייטיק־שווערע פרוכט.
קיבאַנגגע גורו, טראַג מיין בענקשאַפט ווייטער.
טאַטער מיינע, שליס מיר צו די אויגן.

ווען כ׳וואָלט געווען אַ נאָרדפּאָל־זוכער

ווען כ׳וואָלט געווען אַ נאָרדפּאָל־זוכער,
וואָלט איך געהייסן עריק מילאַנזען.

מיט אַכט־און־צוואַנציק יונגע מענער,
אַזוי ווי איך ברייטביינערדיק־געזונטע,
וואָלט איך אַוועק קיין אַלאַסקאַ אָדער גרענלאַנד.

און איר, וואָס קוקט מיט גלייכגילט שוין אויף אַלע וועגן
און פּרוּווט זיך נאָך פֿאַרשיכורן מיט שוואַרצן ווײַן פֿון ווערטער
און מיט לעצטע אָפּגעשפּאַרטע נעכט
ביי פּרוּוּען שפּילעוודיקע ווי יונגע הינטלעך —
איר וועט דאָך אַלע ווען־ניט־ווען אַ טראַכט טאָן
פֿון אונדזער נייער נאָרדפּאָל־עקספּעדיציע
און ס׳וועט אַ רגע אַלץ, אַלץ אייך באַנג טאָן.

און דעמאָלט וועלן מיר פֿאַרעקשנטע און שטומע
מיט טריט מיט שווערע שפּאַנען אין דער פּוסטקע:
אַ שורה שוואַרצע פֿלעקן אויף דער ווייסער פֿלאַך.
פֿאַרטאַיעט וועט אַ בער אונדז נאָכקוקן פֿון ווייטן,
פֿאַרוואונדערט נישטערן אין ווינט דעם פֿרעמדן ריח
און וועט זיך לאָזן נאָכגיין מיט קעציש־שטילע טריט.

ניט דאָס איז גליק: אַליין מיט ברייטע טריט
זיך אויסטאָפּטשען אַ וועג און שפּאַנען אין דער ווייט —
נאָר אומדרייען זיך צוריק און זען:
ניט איינזאַם בלייבן דיינע טריט אין שניי.
און אין אַ פּיר חדשים לאַנגער צפֿון־נאַכט
ליגן אין אַ הייל פֿון שניי און מאָך
און הערן אַכט־און־צוואַנציק הייסע אָטעמס,
וואָס וואַרטן מיט דיר אַלע אויף דעם זעלבן טאָג.

און וואָס וועט שפּעטער זיין איז דאָך אַזוי ניט וויכטיק
און ס'איז דאָך אַלצאיינס, ווער סע זאָגט די לעצטע תּפילה,
אַ בייזער ווינט, אַ הייזעריקער חזן,
צי אַ דייטשער קאַנטאָר מיט אַ גלאַנציקן צילינדער.

מאַטראָסן וועלן ערגעץ אויפן ים
געפינען אַ פאַרקאָרקעוועטע גרינע פלאַש
מיט די לעצטע ווערטער פון דער עקספּעדיציע:
אויף זעקס־און־אַכציק גראַד פון צפון־ברייט.
פון ניין־און־צוואַנציק לעבן איצט נאָך דריי.
מיר האָבן עסנוואַרג נאָך אויף אַ לאַנגער צייט,
נאָר מיר זיינען שלאַף, געשוואָלן פון סקאָרבוט.
ס'איז אפשר אונדזער לעצטער בריוו.
אַ גרוס צו אַלע נאָרדפּאָל־זוכערס אויף דער גאָרער וועלט!

ראָבינזאָן רעדט צו דער שטאָט

באַניס פאַרוואָגלט איז איצט ראָבינזאָן.
אַ שטוערמווינט האָט אים אַ הייב געטאָן,
געוואָרפן איבער ימען און ווי אַ שטיקל קאָרק
אויסגעשפּיגן ביי די ברעגעס פון ניו־יאָרק.

איינזאַמקייט איז אומעטום פאַראַן,
ניט נאָר אויף אַן אינדזל אין מיטן אָקעאַן.

אינעם לעצטן שטאָק פון העכסטן וואָלקנגרייכער
שטייט ער אַ צעטומלטער און בלייכער.
די זון פאַרגייט און צינדט די שטאָט מיט רויטן פלאַם.
ראָבינזאָנען דאַכט זיך: ער הערט פאַרשטיקט געוויין.
ביים פענצטער שטייט ער, ווי ביים ברעג פון ים,
און רעדט צו שטאָט, צו וויטקייט, און צו זיך אַליין:

לאַנדשאַפט מיינע, טראָפּיקע, פאַנטאַסטיש־רייכע,
לאַנדשאַפט פון קוימענשע וועלדער און שטיינערנע טייכן —
לאַנג האָב איך געבלאָנדזשעט אין דיין דזשאַנגל,
געשטיקט זיך מיט דיין הייסן, פיבערישן אָטעם,
געהערט די פרעמדע רייד פון הונדערט שבטים,
דעם קאָפּ פאַרריסן און דעם קאָפּ געבויגן,
ביז ס׳איז שטראַליק־העל פאַר מיינע מידע אויגן
דיין האַרטע שיינקייט אויפגעגאַנגען.

איצט גיי איך ווילִיק מיט, ווען דיינע סקווערן
צעכוואַליען זיך מיט מענטשן, ווי אַ פעלד מיט זאַנגען.
איך גיי אַ רזאיק־וואַכער און כ׳פיל, ווי שטילערהייט
שפּראָצן אין מיר ווידער היימישקייט און פרייד.
גראָז שפּראָצט אַזוי און אַ בלימל בליט
פון אַ זשמעניע ערד אויף פעלזיקן גראַניט.

לאַנדשאַפט מיינע —
אין מילדן דעמער פון פאַרנאַכט
גרינגער ווערט דיין שווערקייט, האַרטקייט דיינע ווייכער.
רואיקער און מער פאַרטראַכט
ציען זיך צום הימל דיינע וואָלקנגרייכער.
אויף זייערע שטאָלצע קעפּ און האַלדז־און־נאַקנס,
פון זון פאַרגאָסן, קלעפּט נאָך בלוט פאַרבאַקנס.
מיט לעצטן זשאַר פון טאָג אויף ווייסע פליגל
מעוועס ציען זיך צו וויטן ברעג, צו רו,
איידער נאַכט פאַלט צו.
גיך קומט אָן די נאַכט, גורלדיק און שטום,
ווי אומגליק, ווי פאַרפלייצונג.

פענצטער צינדן זיך, ליכטער פלאַמען אויף,
טרייבן פינצטערניש פון שטיבער און פון גאַסן
צו וויטקייט הינטער שטאָט, צום הימל־צו אַרויף.
נעץ צעפינקלטע ווערט ענגער אַלץ, געדיכטער:
ליכט ביי ליכט, ליכט ביי ליכט, מיליאָנען ליכטער.

און וואו אַקעגן נאַכט אַ ליכט זיך טראָציק צינדט:
אַ מוטער גליקלעך בייגט זיך איבער שלאָף פון קינד.
אין הייסן קנויל באַהעפטן זיך פאַרבענקטע הענט.
אַ גוטער ניגון שטראָמט. עקראַן צעיאָגטער בלענדט.
אַן איינזאַם ליד זיך שפּינט, אַ תפילה און אַ קלאָג.
אויגן קוקן ווייטער, ווי ביים שיין פון טאָג,
און העכער גרייכט געדאַנק, באַפרייט פון מי און זאָרג —
מיין נייער אינדזל, איך האָב דיך ליב, ניו־יאָרק!

צו אַ טויבן גאָט

1

צו אַ טויבן, אויסגעטראַכטן גאָט
זאָג איך אין אַ מילדער, ניט־געערדטער שפּראַך:
אָ, גאַרומנו גאַרוזאַנדאַ,
דעימי וואַיאַ דאַן!
זע: איך בין אַ הירש מיט קינדיש־גרויסע אויגן,
און כ׳זינק פּאַמעלעך איינעט אין אַ זומפּ.
אָ, גאַרומנו גאַרוזאַנדאַ —
ווי אַזוי זשע זאָל איך קוקן נאָך מיט פרייד
אויף די טשערעדעס פון פוכיק־ווייסע וואָלקנס?
ווי אַזוי־זשע זאָל איך קוקן נאָך מיט פרייד
די געלע שפּילעוודיקע פלאַטערלעך,
וואָס זעצן זיך פאַרשיכורטע אויף מיינע הערנער?
און וועמען דען זאָל אויסקלאָגן זיין ווײ
אַ הירש, וואָס זינקט פּאַמעלעך אין אַ זומפּ,
ווען ניט אַ טויבן, אויסגעטראַכטן גאָט?
אָ, גאַרומנו גאַרוזאַנדאַ,
דעימי וואַיאַ דאַן, דעימי וואַיאַ כאַי!

2

אין יענע לאַנגע נעכט,
ווען שטיינער רייסן זיך אָפּ אין די בערג,
פון זיך אַליין,
און קייקלען זיך דערשראָקענע צום טאָל —
אין יענע באַרעמלאָזע נעכט,
ווען פליי זויגן גאַרעוודיק דאָס בלוט
פון קליינינקע, נאָר וואָס געבוירענע הינטלעך —
אין יענע טויבע נעכט,
ווען משוגעים שטאַרבן אין די דולהייזער —
אין אַלע יענע לאַנגע, טויבע, באַרעמלאָזע נעכט
הענג איך,
דעם קאָפּ אין דער פּעטליע פון נישטיקייט,
און מיינע הענט, שוין ביינערנער סקעלעט,
ציען זיך פאַרבראָכענע צו דיר,
אָ, גאַרומנו גאַרוזאַנדאָ!

אַרוואַונטאַ

אַרוואַונטאַ, לאַנד פון ווייטע, דרימלענדיקע פלאַכן,
איך האָב דיך ניט געזוכט און שטיי איצט אין דיין מיט.
סע האָבן זיך אין זאַמד פאַרלוירן אַלע שליאַכן,
און זאַמד דעקט אייליק צו מיין יעדן נייעם טריט.

האַרבאַטע קעמלען קייען דיין מיזערנעם קרייטעך
און ציען אויס דעם האַלדז צו פייכטקייט אונטער שטיין.
באַלד וועלן זיי צעלויפן זיך צו קוואַלן ווייטע —
נאָר ס׳וועט זיי שוין ניט נאָכלויפן מיין שרעק און מיין געוויין.

אַדאַ, וואו אַלע וועגן האָבן זיך געעקט,
פאַרבלייבן וועל איך שוין אַ רואיקער און וואַכער.
כ׳וועל קוקן אין דיין ווייט, אָן בענקשאַפט און אָן שרעק,
אַרוואַונטאַ, לאַנד פון הוילע, דרימלענדיקע פלאַכן.

אַט־דאָ מיין פיין וועט טריפן מיט לעצטע הייסע טראָפּנס
און צאַנקען וועט דאָס ליכט, וואָס האָט אין מיר געפלאַמט.
אַרוואַונטאַ, ס׳וועט דיין ווינט מיר יאָמערן צוקאָפּנס
און מיין געביין פאַרדעקן מיט אַ בערגל זאַמד.

דער קארליק



דער קאַרליק

1

אַלץ פון ווייסן מאַרמאָר, אַלץ פון קאַלטן שטיין:
ערד און גראָז און ביימער, וועלדער אין דער ווייט.
טויט דער ווייסער הימל, ליידיק, אָן אַ זון,
און פאַרשטיינערט האָט זיך אָפּגעשטעלט די צייט.

אויסגעצויגן שטייף, אויסגעשפּרייט די הענט,
גלייך ווי אויף אַ צלם ליג איך אויפן שטיין —
איבער מיר בויגט אָן זיך אַ האָרבאַטער קאַרליק,
שטשירעט אויס אין שמייכל פערדיש גרויסע ציין.
גלאָצט אַלץ מיט פאַרקיסלעט־אויסגעגלאָצטע אויגן,

טאַפּט מיט קאַלטע, לאַנגע, שפּינעוודיקע פינגער.
בויגט זיך אָן צו מיר און רוימט מיר איין אַ סוד:
באַלד וועט ווערן גרינגער, באַלד וועט ווערן גרינגער.
נעמט אַ האַק פון מאַרמאָר, האַקט מיר אָפּ אַ האַנט:
ניט סע טוט מיר ווי, ניט סע רינט קיין בלוט —
קוק איך אויפן קאַרליק שטום און ניט פאַרוואונדערט.
נעמט די האַק ער ווידער, האַקט אַלץ נאָכאַנאַנד,
האַקט און האַקט און האַקט אַ יעדעס גליד באַזונדער,
האַקט און האַקט און האַקט שטיקערווייז פון מיר.

ביז צום האַלדז און נאַקן, סאַמע ביז צום קאָפּ.
ניט סע טוט מיר ווי, ניט איך הער קיין קלאַפּ —
קוק איך אויפן קאַרליק שטום און אָן אַ שרעק,
לייגט אַצינד דער קאַרליק שוין די האַק אַוועק,
שטרעקט צוויי פינגער אויס, נעמט מיך פאַרן טשוב,
שטעלט אויף דר׳ערד מיך אויפעט מיטן האַלדז אַראָפּ,
זעצט אַליין אויף דר׳ערד זיך וואַזשנע ווי אַ טערק,
קוקט אויף מיר מיט אויגן אויסגעקוליעט גאַנץ,
זאָגט צו מיר געלאַנגווײַלט: איצטער, קאָמפּענטש, טאַנץ!

טאַנץ איך אויפן מאַרמאָר מיטן הוילן קאָפּ,
שפּרינג איך ווי אַ זשאַבע: האָפּ—האָפּ—האָפּ.
אומגעלומפּערט שווער, ריטמיש אָפּגעהאַקט,
שפּרינג איך און בלייב שטיין און הויב אָן אויפסניי —
און דער קאַרליק פרייט זיך, פּאַטשט און ציילט צום טאַקט:
איינס—צוויי—דריי! איינס—צוויי—דריי!

2

האָט דער קאַרליק אַלע אָפּגעהאַקטע גלידער
נאָכאַנאַנד פּאַמעלעך צוגעקלעפּט מיר ווידער,
אויפגעשטעלט מיך ראַפּטום אויף די פיס די לאַנגע
און געהייסן נאָכגיין. בין איך נאָכגעגאַנגען,
הינטיש טריט אויף טריט דעם קאַרליק נאָכגעגאַנגען.
בלייבט דער קאַרליק שטיין, שטעל איך אויך זיך אָפּ,
קוקט ער אין דער הייך, פאַררייס איך אויך דעם קאָפּ.

זיינען מיר געגאַנגען שעהען נאָכאַנאַנד
איבער פּוסטע שטרעקעס, איבער טויטן לאַנד,
ביז נאָך לאַנגן גיין זיינען מיר פאַרנאַכט
צו אַ וואַלד געקומען, אַ געדיכטן, טונקען.
האָט דער בליק ביים קאַרליק אָנגעהויבן פינקלען.
אויף אַן אַלכע איז ער פלינק אַרויפגעקלעטערט —
האָבן ווי פון שרעק געציטערט אירע בלעטער.
איז דער קאַרליק פלינק פון בוים צו בוים געשפּרונגען
און געגנישטערט און געפינקלט מיט די אויגן —
זיינען פייגל פון די נעסטן אויפגעפלויגן,
האָט אַ קראָ אין שרעק זיך הייזעריק צעקראַקעט.

איז פון נעסט צו נעסט דער קאַרליק גיך געשפּרונגען
און ווי ניסלעך אַלע אייעלעך צעקנאַקט.
אויף אַ שטומער סאָסנע איז ער פלינק אַרויף
און פון סאָמע שפּיץ מיט אַ געשריי אַ פרייד־צעבייזטן
יונגע וועוורעקלעך געשליידערט פון די נעסטן.

איז דאָן אָנגעפאַלן אויפן וואַלד אַן אימה
און געשוויגן האָבן חיות, פייגל,ביימער.
פון איין נעסט נאָר, אויסגעדלובעט אין אַ שטאַם,
מיט געדיכטע צווייגן פון דער שיין פאַרדעקט,
האָט אַ יונגער פיקהאָלץ גיך דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט
און פון טויטשרעק גרילציק אָנגעהויבן שרייען.
האָט דער קאַרליק אויפן בוים זיך ווי אַ קאַץ פאַרטאַיעט
און איז שטיל געזעסן און האָט לאַנג געוואַרט,
ביז דער פיקהאָלץ האָט דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט —
האָט ער אים געכאַפּט און אין אַ ווילדער פרייד
מיט צוויי פינגער אים דאָס קעפל אָפּגעדרייט.

נאָך דעם האָט דער קאַרליק ביי אַ גראָבן שטאַם
זיך באַהאַלטן שטיל און האָט אין וואַלד אַריין
ווי אַ הירש געריעוועט, אַ פאַרבענקטער הירש.

גאַרעווודיק און אויסגעצויגן־לאַנג, האָט מען באַלד
צווישן די געהילצן פונעם שטומען וואַלד
גרינגע טריט דערהערט ווי פון אַ יונגער פרוי —
און געקומען איז אַן אינד מיט קינדיש־גרויסע אויגן.
אַ פאַרבענקטע האָט דעם האַלדז זי אויסגעצויגן
און איז ציטעריק געקומען ביז צום שטאַם.
האָט זיך אויף דעם אינד אַ וואָרף געטאָן דער קאַרליק,
זיך אַריינגעביסן אין איר שלאַנקן האַלדז —
ווען געקוקט נאָך האָט די אינד פאַרוואונדערט און דערשראָקן,
האָט דער קאַרליק זשעדנע שוין איר בלוט געזשליאָקעט
און מיר אויך דאָס הייסע בלוט געהייסן טרינקען.

3

נאַכט האָט אויסגעלאָשן מיינעביידע אויגן
און פאַרפלייצט מיין בלוט מיט פינצטערניש געדיכטער —
אָבער ברייט צעעפנט זיינען מיינע אויגן,
שטענדיק, שטענדיק וואַכן מיינע בלינדע וועכטער.

אין דער טויטער שטילקייט, אינעם טויבן גליווער
הער איך נאָר דעם קאַרליקס שאַרנדיקע טריט.
גרילציק, בייז און שאַרף דראַפּען זיי די ערד,
ווי דעם גרונט די ווערסלעס אויף אַ פלאַכן אָרט.
ווענד איך זיך אַהינצו, וואו איך הער די טריט,
גיי איך נאָך דעם קאַרליקס שאַרנדיקע טריט.

האָב איך אַלץ געהערט דעם קאַרליקס טריט פון פאַרנט
און איך האָב געשלעפּט זיך לאַנג, געדולדיק, שטום,
אָבער ס'איז די נאַכט ניט שיטערער געוואָרן
און ניט לויזער דער פאַרגליווערטער אַרום,
האָב איך זיך פאַרבענקט אין וויסטן הינערפלעט
צו אַ שטוב, אַ היים, צו אַ ווייסן בעט,
צו דער גוטער האַרטקייט פון אַ טיש אַ פּראָסטן,
צו דער טרייסט פון שטאַרן גאַנץ אַראָפּגעלאָזטע,
און פון צווייטן חדר, שלעפעריק און מילד,
זאָל אַ קול מיר זאָגן: קינד מיינס, גיי שוין שלאָפן —
האָט אין מיר דערוועקט זיך עפּעס לאַנג פאַרבאָרגנס
און אין האַלדז מיך ווי אַ שאַרפער ביין געוואָרגן.
בין איך צוגעפאַלן, אָפּהענגטיק און שווער,
מיט מיין גאַנצער שווערקייט צו דער האַרטער ערד,
און האָב אויסגעגלאָצט די אָפן־בלינדע אויגן
און דעם האַלדז דאַן ווי צום קוילען אויסגעצויגן
און האָב לאַנג געצויגן ווי אַ ווילדע חיה
אָנגעהויבן שרייען, לאַנג גענומען שרייען,
שרייען, וואָיען, רעווען צו דער טויבער נאַכט.

האָט דער קאַרליק פלינק פון דר'ערד מיך אויפגעהויבן,
האָט זיך הויך צעלאַכט, כאָרכלענדיק צעלאַכט,
פון מיין קינדיש בענקען, פון מיין שווערער פּיין,
און געפירט מיך וויטער אין דער נאַכט אַריין.

4

אין אַ דושנער, בלאָלעך־שוואַרצער זומער־נאַכט
זיינען מיר אין וואַלד ביים ברעג געבליבן ליגן,
ניט געשלאָפן איז די וועלט און ניט געוואַכט —
עפּעס האָט זי בייז, פאַרעקשנט בייז געשוויגן.
צווישן גראָז און ביימער האָבן מאַט געלויכטן
פלאַמענזשוקלעך — גרינע, פאָספאָרישע פונקען.
אין דער נאָענט האָט אַ פליוסק געטאָן אין טייך,
גלייך ווי עפּעס שווערס וואָלט דאָרטן איינגעזונקען.

האָב איך זיך אַ וואַכער אויסגעשטרעקט אין גראָז,
און געוואַרט, געוואַרט און ניט געוואוסט אויף וואָס.
אין די שלייפן האָט דאָס בלוט מיר הייס געהאַמערט,
מיט צעגליטער היץ די ליפּן מיר געבראָטן.
גראָזן האָבן ווייך געטוליעט זיך צו מיר
און געציטערט פון מיין גיכן, הייסן אָטעם.

בין איך אויפגעשטאַנען פונעם קילן גראָז
און אָן ציל געגאַנגען איבער הוילן פעלד.
לאַנג אָן ציל געגאַנגען. כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט
ביי אַ יונגינקער, וואוקסיקער בערעזע
און געקילט דעם שטערן אָן איר ווייסער קאָרע
און מיט ציטערדיקע, פיבערישע הענט
האָב אַרומגענומען צאַרט איר שלאַנגען שטאַם.

איז דער קאַרליק אויסגעוואַקסן לעבן מיר
און האָט הייזעריק מיר איינגערוימט אין אויער:
אינעם צווינטערהייזל ליגט אַ טויטע גויע.
אין עק דאָרף אין שטאַל, מיט אַ קו אינאיינעם,
כאַליעט צווישן שמאַטעס אַ געליימטע זקנה,
אין אַ פּוסטן הויז, פון קיינעם ניט באַוואַכט,
שלאָפט אַ מיידעלע, אַ קינד פון אַ יאָר אַכט.
גיי — און קום ערשט מאָרגן! — און איך בין געגאַנגען.

5

זיינען מיר געגאַנגען שעהען נאָכאַנאַנד
איבער פוסטע שטרעקעס, איבער טויטן לאַנד.
ס׳איז די וועלט געלעגן אָפן, ניט פאַרצאַמט,
וואו איך האָב געקוקט נאָר: ערד — שטויב — זאַמד.
אויף די ווייטע פלאַכן, אינעם הוילן רוים,
איז געשטאַנען נאָר איין דאַרער, טויטער בוים.
שטום, מיט שריט מיט גיכע זיינען מיר געגאַנגען,
ווען־ניט־ווען געטרעטן אויף אַ קנויל פון שלאַנגען.
בייז, מיט ווילד עקשנות האָט די זון געבראָטן.
צווישן מיינע קנעכלען האָט מיין קורצער שאָטן
זיך געפּלאָנטערט שטענדיק ווי אַ שוואַרצער קאָטער.

פּלוצלונג האָט דער קאַרליק גיך זיך אָפּגעשטעלט,
לאַנג אַרומגעקוקט זיך אין דער פוסטער וועלט
און דערנאָך געזעצט זיך אויף אַ קופּע זאַמד.
פאַל איך אויך אַנידער, פון דער זון צעפלאַמט,
זיץ איך אים צופוסנס און דעם קאָפּ פאַרבויגן
קוק איך אַלץ דעם קאַרליק הינטיש אין די אויגן.
נאָר דער קאַרליק האָט געגלאָצט אַלץ אין דער ווייט,
ניט געקוקט אויף מיר און מיך ווי גאַנץ פאַרגעסן.

בין איך אים צופוסנס שטום און שטיל געזעסן
זיבן טעג און נעכט — ביז איך האָב דערפילט,
אַז דער הונגער רייסט מיר די געדערים ווילד,
אַז דאָס בלוט מיינס האָט זיך פיבעריש צעשפילט.
זאָג איך ווייך צום קאַרליק מיט אַ שטילן קרעכץ:
כ׳רעד שוין ניט פון יאַכלעך, חלות און געקעכץ,
אָבער עפּעס עסן — עסן מוז מען דאָך.
שווייגט דער קאַרליק ווייטער, גלאָצט אַלץ אין דער ווייט.

בין איך אויפגעשפּרונגען זוכן עפּעס עסן,
כאַטש אַ פרישן וואָרצל, כאַטשבע גראָז אַ ביסל.
אָבער ס׳איז די ערד געווען אַ גרויסע, פוסטע שיסל,
פון דער היץ צעבראָקלט, פון דער זון צעזשאַווערט
און געפונען האָב איך נאָר אַ צווייג אַ דאַרע.

נעם איך זשעדנע גריזשען פון דער צווייג די קאָרע
און מיט קוואָרע יאַסלעס קייען זאַמד און פאָרעך.
פלוצלונג פון אַ נאָרע שפּרינגט אַרויס אַ מויז,
פּישטשעט, דרייט זיך מאָדנע, בלייבט אַ טויטע ליגן.
פון דער נאָרע נאָכדעם קריכט אַ שלאַנג אַרויס,
קאָרטשעט זיך פאַמעלעך צו דער טויטער מויז,
שלינגט זי, וואָרגט זיך, שלינגט זי איין אין גאַנצן,
און אַן אויפגעבלאָזן־זאַטע בלייבט זי ליגן.
האָב איך אויף איר זעט געקוקט מיט זשעדנע אויגן,
בין אַוועק צום קאַרליק און האָב בייז געשריגן:
עסן גיב מיר, קאַרליק! עסן, עסן, עסן!
שווייגט דער קאַרליק ווייטער, גלאָצט אַלץ אין דער ווייט.

בין איך שטום אין זאַמד געלעגן אויפן רוקן
און געפילט אַלץ, אַז מיין מאַרך ווערט אויסגעטרוקנט.
האָב איך אַפּהענטיק אין זאַמד זיך אויסגעצויגן
און געקוקט אין הימל מיט צעפלאַמטע אויגן.
אַ שערענגע פייגל איז פאַרבייגעפלויגן,
האָב איך מיט די אויגן מיד צו זיי געפינטלט.
נאָך דעם האָט מיך מילד אַ גלעט געטאָן אַ ווינטל,
בין איך אויפגעשטאַנען און מיט שלאַפע שריט
צוגעגאַן צום קאַרליק און פאַר אים געקניט
און געחנפעט אים און געלאַשטשעט זיך
און דעם האָרב געגלעט אים און די האַנט געלעקט אים
און געבעטן שטיל מיט הענט מיט אויסגעשטרעקטע:
קאַרליק, גיב מיר עסן, גיב מיר עפּעס עסן!

האָט דער קאַרליק מיך געפירט אין טונקלע היילן
און געוויזן אין אַ ווינקל אַ נבלה,
פול מיט פּעטע זשוקעס און מיט ווערעם געלע,
בין איך צוגעפאַלן און פון פיבער שיכור
האָב געריסן און געשלונגען גאַנצע שטיקער.

6

אין אַ זומער־אָוונט זיינען מיר געלעגן
צווישן שטומע זומפּן, אויף דער ערד דער הוילער.

איבער זומפּ־ערד ווי אַ נעפּל איז געשטאַנען
אַ געדיכטער, שווערער, זיסלעך־האַרבער ריח
פון צעווייקטע גראָזן און טשערעטן פוילע.
האָט דער קאַרליק איצטער אַ צופרידן־מידער
ברייט צעוואָרפן זיינע קורצע, גראָבע גלידער
און האָט פויל געסאָפּעט און האָט ברייט געגענעצט
און געזאָגט צו מיר, גלעטנדיק זיין לייב:
לאַנג שוין ניט געהוליעט — פיר מיך צו דיין ווייב!

זיינען מיר געגאַנגען איילנדיק און שטום
איבער וייטע שטרעקעס פעלד און וואַלד און זומפּ,
איבער ווייסע וועגן, לאַנגע, שוואַרצע בריקן,
איבער פוסטע גאַסן פון אַ גרויסער שטאָט.

ווען ס'איז פון שאַריען בלייך געוועזן דער הימל,
זיינען ביי איר בעט מיר זאַלבעצווייט געשטאַנען.
האַלב אָן אויפגעדעקטע האָט זי גרינג געדרימלט.
האָט דער קאַרליק איצט מיט בליקן פול מיט גלוסטן
זיך ווי צוגעקלעפּט צו אירע יונגע ברוסטן,
צו די רונדע, ניט געזויגטע פון קיין זויג־קינד.
און וואוילינגיש אַלץ געפינטלט מיט די אויגן —
נאָכדעם האָט ער שטיל די דעק פון איר אַראָפּגעצויגן
פון זייןברייטן מויל גערונען איז די סלינע.

האָב איך הייס דערפילט, אַז ס'צינדט מיך אָן אַ שנאה,
און אַז מיינע פינגער ווערן בייז און האַרט —
האָב איך פלינק דעם קאַרליק אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל
און אים האַרט געוואָרגן און אים ווילד געוואָרגן
און מיט פרייד געהערט אַ יעדן הייזעריקן כאָרכל,
יעדן סקריפּ פון די געפּלאַצטע לונגען.
כ'האָב אַ טויטן אים אַ וואָרף געטאָן אויף דר'ערד,
נאָענט, נאָענט איבער אים זיך אָנגעבויגן,
מיט אָפּצאָסן האַרטע אויסגעזעצט די אויגן
און זיין לייב געטאָפּטשעט שטום, מיט ווילדן כעס —
נאָכדעם שטיל געוויינט פון לאַנגן, לאַנגן משוגעת.

איבערזעצונגען

פון „קאָנראַד וואַלענראָד“

(פון אַדאַם מיצקעוויטש)

אי די, אי יענע האָבן וועכטער דאָ אָוועקגעשטעלט.
אַזוי איז ניעמאַן, מיט גאַסטפֿריינדשאַפֿט באַרימט אַמאָל,
אַ ברידערלעכער וועג צווישן טאָל און טאָל,
געוואָרן איצט פֿאַר זיי צו אייביקייט אַ שוועל —
און ס׳גיט זיין פֿרייהייט, ס׳לעבן זיינס אַוועק.
ווער דרייסט דערוועגט זיך גרייכן צווייטן ברעג.
אַ צוויַיגל נאָר פֿון ליטווישן, פֿון פֿראָסטן האָפֿן,
געמאַניעט פֿונעם חן פֿון פּרייסיש־שלאַנקער טאָפּאָל,
ציט זיך איבער ווערבעס און טשערעט און קרייטער,
שטרעקט אויס פֿאַרבענקטע אָרעמס ווייטער אַלץ און ווייטער
און שפּרינגט אַריבער ביז צום ברעג צום צווייטן —
און צערטלט די געליבטע און פֿאַרשיט מיט קוויטן.
און סאָלאָווייען נאָר אין שטילע קאָונער וועלדלעך,
און זייערע אויף זאַפּוסטשאַנסקער באַרג —
מיט קלאַנגען ליטווישע רופֿן זיי זיך איבער,
אָדער פֿאַרבענקטע, ווען דער טאָג פֿאַרבלאַסט
אויף אינדזלען איינזאַמע טרעפֿן זיך צוגאַסט.
און מענטשן? מענטשן האָט צעשיידט מלחמה־פֿלאַקער!
גוט־פֿריינדשאַפֿט אַלטע צווישן ליטע און פּרוסאַקן
איז לאַנג פֿאַרגעסן... אַמאָל נאָר ליבע צעברענט
כ׳האָב מענטשן צוויי געקענט...
און פֿירט צונויף אויך מענטשן.
אָ, ניעמאַן! באַלד וועלן ווילד־צעברויזטע מחנות
מיט טאָט און שרפֿות דיינע ברעגעס שענדן.
אַ האַק אַ בייזע וועט דיין האַק פֿאַרלענדן,
צעגרינטע ביימער וועלן שטילע פֿאַלן,
האַרמאַט־געבראַזג פֿאַריאָגן וועט די נאַכטיגאַלן.
און קייטן גאָלדענע פֿון דור צו דור געקניפּטע,
וועט פֿעלקער־האַס צערייסן און פֿאַרלענדן,
צערייסן אַלץ — נאָר הערצער פֿון פֿאַרליבטע
טרעפֿן וועלן זיך אין ליד און אין לעגענדע.

די זון פֿאַרגייט

(פֿון פֿרידריך ניטשע)

1

ווּעסט שוין ניט נאָרן לאַנג,
פֿאַרשרפֿעט האַרץ!
אָנזאָג איז אין דער לופֿטן,
פֿון ליפּן אומבאַקאַנטע ווייט עס אויף מיר.
— די גרויסע קילקייט קומט...

מיין זון איז געשטאַנען הייס איבער מיר אין מיטן טאָג:
זייט־זשע באַגריסט, וואָס איר קומט,
איר פּלוצלעכע ווינטן,
איר קילע, פֿאַרנאַכטיקע גייסטער!

די לופֿט ווייט פֿרעמד און ריין.
קוקט ניט אַריבער
מיט אַ פֿאַרפֿירעריש־זייטיקן בליק
די נאַכט צו מיר?
שטאַרק זיך, מיין מוטיק האַרץ!
פֿרעג ניט: פֿאַרוואָס? —

2

טאָג פֿון מיין לעבן!
די זון נעמט פֿאַרגיין.
שוין שטייען פֿאַרגילדטע
וואַסערן גלאַטע.
וואַרעם אָטעמט דער פֿעלז:
האָט אפֿשר אין מיטן טאָג
דאָס גליק געדרימלט אויף אים?
אין גרינע שיינען וואַרפֿט גליק נאָך אַפֿיר דער ברוינער תהום.

טאָג פון מיין לעבן!
אָונט קומט אָן!
שוין גליט דיין אויג
צאַנקענדיק האַלב,
שוין טריפן אָפיר דיין טויטס
טרעריקע טראָפּנס,
שוין לויפט אַרום שטיל אויף ווייסע ימען
פורפורנער פלאַם פון דיין ליבע,
דיין לעצטע, פאַרטאַיעטע תאווה.

3

פריילעכקייט, גילדענע, קום!
דו, דעם טויטס
זיסטער, פאַרבאָרגנסטער תענוג!
— בין איך צו גיך געגאַנגען מיין וועג?
איצט ערשט, ווען מיד איז מיין גאַנג,
האָט מיך דיין בליק נאָך דעריאָגט,
האָט מיך דיין גליק נאָך דעריאָגט.

אַרומעט נאָר כוואַליע און שפּיל.
אַלדאָס שווערע פון פריער
זינקט איצט אין בלויען פאַרגעסן,
איבעריק שטייט איצט מיין שיפל.
שטורעם און יאָגעניש — אַלץ איז פאַרגעסן!
פאַרזונקען איז גאַרן און האָפן,
גלאַט ליגט נשמה און ים.

זיבעטע איינזאַמקייט!
קיין מאָל ניט האָב איך געפילט
נאָענטער זיכערקייט זיסע,
הייסער דעם בליק פון דער זון.
גליט ניט נאָך אייז אויף מיין באַרגשפּיץ?
זילבעריק, גרינג ווי אַ פיש,
שווימט איצט מיין שיפל אַוועק...

מעלאָדיע פון נאַכטישע נעפּלען

(פון קאַזשימיעזש טעטמאַיער)

שטילער, שטילער, ניט וועקן דאָס געוויסער אין טאָלן,
מיטן ווינט לאָמיר שוועבן אין פאַרדרימלטן חלל.
רונד־אַרום דער לבנה לאָמיר וויקלען וואואָלן,
מיט פילפאַרביקע שיינען וועט זי צאַרט אונדז באַשטראַלן.
דעם גערויש פון די סאָסנעס לאָמיר אויפכאַפּן פלינקע,
און דאָס שעפּטשען פון טייכלעך, וואָס אין אַזערע זינקען,
און דעם ריח דעם האַרבן פון די באַרגישע קווייטן —
פאַרביק־דופטיק־צערוישטע לאָמיר הויך זיך צעשפּרייטן.

שטילער, שטילער, ניט וועקן דאָס געוויסער אין טאָלן,
מיטן ווינט לאָמיר שוועבן אין פאַרדרימלטן חלל.
אָט אַ שטערן, וואָס נידערט, שוין פון גסיסה פאַרפאַרבט,
לאָמיר איילנדיק צערטלען, ביז ער לעשט זיך און שטאַרבט.
לאָמיר שטיפן פאַרשייטע מיט אַ בלימל, אַ פליגל,
מיטן פוך פון די סאָוועס, וואָס אין חשכות זיך וויגן,
און אַ פלעדערמויז פלאַשען, אַזאַ שטילע ווי מיר,
און מיט נישטיקע נעצן איר פאַרשטעלן די וועגן.
פון די באַרגישע שפּיצן צו די שפּיצן אַקעגן
גלייך ווי הענגיקע בריקן לאָמיר לאַנג זיך צעשטרעקן.
ס'וועלן צוקלאַפּן שטערן מיט אַ שטראַלביידע עקן
און דער ווינט אויף אַ וויל וועט דאָ רוען אַ מידער
ביז ער וועט אונדז צערייסן און אונדז נאָכיאָגן ווידער.

ביימער רוישן

(פון אַנטאָני לאַנגע)

ביימער רוישן, רוישן, רוישן,
מעלאַנכאָליש, מיד־פאַרחלשט,
זיידיק שאָרכן די בעריאָזעס,
די טאָפּאָליע קרעכצט מעטאַליש.

גינגאָלד שיט זיך פון אַקאַציעס,
דעמבעס טרייסלט אָפּ דער ווינט,
קנוילן גרינס פון קליאָנעס פאַלט,
האַרבסט שוין שפּינוועב־נעצן שפּינט.

ביימער רוישן, רוישן, רוישן,
ווינט פון זיי מאָטיוון ציט.
יעדעס בלעטל אַנדערש שאָרכעט,
יעדער בוים — אַן אַנדער ליד.

ס׳אַראַ סומנער ניגון — האָרך:
לאַרגאָ, פּיאַנאָ, צאַרטער מאָל.
טרער פאַרהוילן אין אַ שאָרך,
זיפץ — און וויינען אויפן קול!

ביימער רוישן, רוישן, רוישן,
שפּעט אין אָוונט און קאַיאָר.
ס׳גיסן זיך צונויף גערוישן
אין איין טיפן, לאַנגן כאָר.

אַלע קלאָגן זיי אין אימה,
צאַרט באַהעפט זיך טאָן מיט טאָן.
וועגן וואָס־זשע רוישן ביימער?
זאָג מיר אויס דאָס, אַלטער קליאָן!

וואָלין

(פון ערנסט וואַלדינגער)

ווען ס׳צאַנקט שוין דער געדאַנק און אויסגעלאָשן ווערט
פאַמעלעך דער אָרום, דער חלל, וואו איך ליג,
דאָס וואַכזיין דעם באַגער ניט ציט שוין אויף צוריק —
גייסט אויף דאַן אין מיין חלום דו, וואָלינער ערד,

מיט נאַכט מיט וואַלדישער, מיט הימל האַרבסטיק־בלייכן,
און ס׳קלאַפּן ניט אין שטאַמען מער קיין פלינקע קוילן,
דאָס קלאָרע בילד פון פעלד, פון האַרבסטיק־הוילן,
ס׳פאַרשוועכט שוין ניט מלחמהס פלאַמיק־רויטער צייכן.

וואָלין, וואָס האָסט די יוגנט מיר פאַרשניטן,
דו ערד, דו פויערשע, וואָס האָסט אַליין געליטן
און ליידן מיך געלערנט — כ׳נעם אַלץ פאַר ליב פון דיר.

איצט לעבט ביי ברעגן נאָר דער רוישנדיקער סטיר,
באַגינען נאָר אויף שפּיץ בערעזעס גליט
און גרינגראָז שפּראָצט פון זומפּן — מען נאָך: אָט דאָס ליד!

איך בין פון פאָלק פון וואָרט

(פון ערנסט וואַלדינגער)

איך שטאַם ניט אָפּ פון גוף פון פאָלק, פון פלייש פון רויטן,
ניט ווילּיק בין איך זייער בלוט און ניט פאַרשקלאַפּט דער ערד.
איך הויער ניט אין שטאַל אין וואַרעמען ביי פערד,
אין העק פון הויפן, הינטער טויערן און פּלויטן.

ווי קאָן איך זיין אַט־דאָ פון פּריפּעטשיק אַ וועכטער?
קיין חלק האָב איך ניט אין זייערע ירושות.
קאָן טרעפן דען מיין גייסט די בייטש פון זייער רשעות?
איז ניט מיין אויער טויב פאַר זייער שפּאָט־געלעכטער?

כ'בין איינזאַם אין געזעמל און אַ פרעמדער צווישן זיי.
זיי מאַלאַגיירען ווערטער, ווי בהמות — היי.
און האָבן מיר געלערנט ס'ברייען פון דער מאַמען,

דער קלאַנג דער פוסטער קניפּט אונדז בלויז צוזאַמען —
קיל שפּיגלען זיך די שטערן אין זייער טריבער פלאַך
און פלאַמיק אין קרישטאָלן פון מיין שפּראַך.

מלך כמעלניצקי

א.

ווען כמעלניצקי האָט — אין יאָר 1904 — אָנגעהויבן צו פֿאַר־עפֿנטלעכן זיינע אַרבעטן אויף יידיש (לידער און אַרטיקלען אין לעמבערגער „טאָגבלאַט") איז די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אין גאַליציע, וואו כמעלניצקי האָט דעמאָלט געוואוינט — אָנגעקומען איז ער אַהין אין יאָר 1898 — נאָך געווען אין די וויקעלעך. אמת, ניט אַ סך אַנדערש האָט עס אויסגעזען דעמאָלט אין רוסלאַנד און אַמעריקע. דער דור, וואָס האָט גענאַלט איבערגאַנצן איבעראַנדערשן און פֿאַראיינגערן — דאָס פּנים פֿון דער יידישער וואָרטקונסט, און נאָך דע־מאָלט ניט געווען אויף גאָטס (ליטעראַרישער) וועלט; אָבער די דער־מאָנטע צוויי צענטערן פֿון דער מאָדערנער קולטור האָבן שוין געהאַט מיטגעמאַכט אַ ליטעראַרישן רענעסאַנס און ס'האָט זיך דאָרט מיט דער צייט געשאַפֿן אַפֿילו אַ שטיקל ליטעראַרישע טראַדיציע: אַ פּראָלעטאַרישע, האַרב־רעאַליסטישע אין אַמעריקע און אַן עטנאָ־גראַפֿיש־רעאַליסטישע אין רוסלאַנד און פּוילן. אַנדערש אָבער איז דאָס געווען אין גאַליציע: דאָרט האָט מען נאָך געלעבט מיט די לעצטע בראָקן פֿון וועלוול זבאַרזשער און בערל בראָדער. דער אויפֿ־בלי פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד און אַמעריקע האָט דאָ ניט געשלאָגן קיין טיפֿערע וואָרצלען און איינער פֿון די פֿירער פֿון דער גאַליצישער אַסימילאַציע, דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער פּוילישער ליטעראַטור־היסטאָריקער ווילהעלם פֿעלדמאַן, האָט אין זיין כּעסיקן און בייסיקן פּאַמפֿלעט קעגן דער יידישער שפּראַך מיט צו־פֿרידנקייט געקענט פֿעסטשטעלן, „אַז אין גאַליציע עקזיסטירט ניט ביז היינטיקן טאָג (1891!) קיין זשאַרגאָנישע ליטעראַטור". אין דער צייט, ווען די יידישע קיבוצים אין רוסלאַנד און אַמעריקע זיינען אָנגעזאַפּט

געווען מיט קינסטלערישער ענערגיע, האָט גאַליציע געקאַנט אָנווייזן אויף בלויז איין דיכטער: בירך שאפיר, וואָס האָט נאָך טיף, ביז איבער די אויערן, געשטעקט אין דער בדחנישער געפילס- און באַגריפס-וועלט און אוממעכטיק זיך געראַנגלט פאַר אַ נייער דיכטעּרישער פאָרם; ער האָט זיך אָבער צו איר קיינמאָל ניט דערראַנגלט...

זייער אַ סך האָט אין יענער צייט אין גאַליציע אויפגעטאָן גרשם באַדער. נאָך דעם ווי ער האָט איבערגענומען דעם פון מרדכי ערענפרייז אין יאָר 1895 געשאַפענעם „יידישן פאָלקס-קאַלענדאַר" האָט ער צוגעגרייט אַ באָדן פאַר נייע טאַלאַנטן און אַרויסגעפירט דעם גאַליצישן לייענער פון דער פאָלקסטימלעכער האַלב-פאָלקלאָריסטישער מוסר- און שולהויף-ליטעראַטור צום מאָדערנעם, קינסטלערישן וואָרט. אָבער קיין ליטעראַטור האָט ער ניט געשאַפן: פון יענער פיאָנערישער צוגרייט-צייט פון גאַליצישן שריפטום שטאַרצט אַרויס אָן איין איינציקער דיכטער און אויסגעצייכנטער פעליעטאָניסט: מיכאל ווירט, אַ תלמיד פון פרוגן און ליקווידאַטאָר פון בדחנישן נוסח אין גאַליציע.

דאָס וואָס גאַליציע האָט אין די ניינציקער יאָרן ניט פאַרמאָגט אַפילו ניט קיין איינציקן פּאָעט, וואָס וואָלט זיך געקענט פאַרמעסטן כאָטשבע מיט אַן עדלשטאַט אָדער באַווּשאָווער, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. ערגער איז געווען, וואָס אַפילו שלום עליכם און פּרץ זיינען געווען ווייניק באַקאַנט און מ'האָט פון זיי געוואוסט נאָר אַ דאַנק די איבערדרוקן אינם „פאָלקס-קאַלענדאַר" און זייערע פאַרעפנטלעכונגען אינעם קראָקעווער „דער יוד" (1899—1902). זייערע ווערק אין בוכפאָרם זיינען נאָך אין דער צייט פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ(!!) געווען אין גאַליציע אַ ראַריטעט. אין אַן אויסטערלישער מיספאַרהעלטעניש איז דעמאָלט געשטאַנען די יידישגאַליצישע ליטעראַטור צו דער גאַליציש-פּוילישער. נאָך דעם, ווי סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי האָט אַריבערגעטראָגן דעם אָרגאַן פון דער יונג-פּוילישער ליטעראַטור „זשיציע" פון וואַרשע קיין קראָקע, האָט גאַליציע אָנגעהויבן צו שפּילן אַ געוואַלטיקע ראָלע אינעם פּוילישן קולטור-לעבן. ווען מיר האָבן נאָך געהאַלטן ביי זבאַרזשערס אַלט-פרענקישע עפּיגאָנען, האָט דאָס פּוילישע גאַליציע שוין געקענט

אַנווייזן אויף אַזעלכע דיכטער ווי קאַזימיעזש טעטמאַיער, סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי און לעאָפּאָלד סטאַף...

איז טאַקע קיין חידוש ניט, וואָס אַפילו דער יידיש־נאַציאָנאַל־געשטימטער טייל פון דער גאַליצישער יוגנט האָט זיך גענומען שאַרן אַרום דער פּוילישער שפּראַך און ליטעראַטור און זיך באַגייסטערט פאַר פּשיבישעווסקיס ניי־ראָמאַנטישן „מאָדערניזם", וואָס איז געקו־מען קיין פּוילן „דירעקט פון פּאַריז". די קענטעניש פון דער פּויליש־שער שפּראַך צווישן דער גאַליציש־יידישער יוגנט האָט זיך שטאַרק געהויבן. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן נאָך די פּאַליאַקן און די יידישע אַסימיליאַנטן געקענט פּראָטעסטירן קעגן דעם צרהדיקן פּוי־ליש, אין וועלכן בירך שאפיר האָט געשריבן אַ טייל פון זיינע לידער, די שפּראַך אָבער פון די צוויי יידן־פּאָעטן יאַן ניעמיאַראַ און אַכמע, וואָס האָבן כמעט איינצייטיק (אין יאָר 1902) דעביוטירט אין דער פּוילישער ליטעראַטור, איז שוין געווען אַ פיינע ביז גאָר. יאַן ניעמיאַראַ איז אין אַ צייט אַרום באַקאַנט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור אונטער זיין אמתן נאָמען ש. י. אימבער און אַכמע — אין מלך כמעלניצקי.

אין דער פּוילישער ליטעראַטור האָט זיך כמעלניצקי ניט איינ־געבירגערט. דאָס, וואָס ער האָט געשריבן אויף פּויליש זיינען זיינע אויסגעצייכנטע איבערזעצונגען פון דער יידישער ליריק, דער עיקר זיינע איבערדיכטונגען פון אברהם רייזען, דוד איינהאָרן און ח. נ. ביאַליק.

ווען איך וועל נאָך צוגעבן, אַז כמעלניצקי שטאַמט פון אוקראַינע (ער איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף קאָנסטאַנטינאָווקע, קיעווער גוב., אין יאָר 1885) פון וואַנען ער האָט מיטגענומען די קענטעניש פון דער רוסישער און אוקראַינישער שפּראַך און ווען איך וועל נאָך אָנווייזן דערויף, אַז ער האָט זיך (אין יאָר 1909) באַזעצט אין ווין, און אַזוי אַרום געקומען אין אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער דייטשער שפּראַך און ליטעראַטור — עס האָבן דעמאָלט געהערשט דאָרט די וואָרט־אַריסטאָקראַטן רילקע, האָפמאַנסטאַל און שאָוקאַל — וועט מען זיך פיל וויניקער קענען מאַכן אַ בילד פון יענער גייסטיקער אַטמאָספער, אין וועלכער ס'איז אים אויסגעקומען צו פורעמען זיין דיכטערישע — און מענטשלעכע — פיזיאָנאָמיע.

ב.

מלך כמעלניצקי קומט פון דער ניי־ראָמאַנטיק. אַלע זיינע לידער, אַפילו די, אין וועלכע ער דערנענטערט זיך — אַגב אַ ביסל אומזיכער און שעמעוודיק — צום עקספּרעסיאָניזם, זיינען פאַרוואָרצלט אין דעם באָדן, פון וועלכן עס וואַקסן אַרויס דוד איינהאָרן און מאַני לייב.

אַ טיפּישער דעקאַדענט, פול מיט דער מידער האָפענונגסלאָזיקייט פון „פען די סיעקל", פאַרשפּאַרט ער זיך אין די פיר ווענט פון אייגענעם איך און רעאַגירט גאָר זעלטן אויף די געשעענישן פון דער דרויסנדיקער וועלט. און אָט די דאָזיקע רעאַקציע אָטעמט שטענדיק מיט טרויער און שטילער רעזיגנאַציע פון „ניט סע לאַכט מיין פרייד און ניט סע קוועלט מיין האָס". פון אַזאַ נעגאַטיווער באַציאונג צום טומלענדיקן אַרום ראַטעוועט ער זיך אַרויס אין נאַכט אַריין, אין דער נאַכט, וואָס פאַרווישט אַלע קאָנטורן פון דער וואָר, לייזט אויס דעם מענטשן פון זיינע געזעלשאַפטלעכע חובות און גיט אים די מעגלעכקייט צו לעבן — מיט זיך אַליין. די נאַכטלידער געהערן אויך צו די שענסטע אין כמעלניצקיס שאַפן. (זע זייט 53)

ווי יעדער ראָמאַנטיקער, קאָמפּענסירט אויך כמעלניצקי דעם ניט גלויבן אין דער צוקונפט מיטן לעגענדאַריזירן די קינדער־יאָרן, וועלכע ער נעמט אַרום מיט אַן אורעאָל פון לויטערער שיינקייט. ווען מען דערמאָנט זיך נאָך, אַז כמעלניצקי האָט אין זיינע יונגע יאָרן געמוזט פאַרלאָזן זיין היים, ווערט נאָך קלאָרער די בענקשאַפט־שטימונג נאָך דער קינדהייט, וואָס טראָגט זיך אַרום אין זיינע לידער און דאָס געפיל פון עפּעס פאַרלוירן געגאַנגענעם, וואָס אָטעמט כמעט פון יעדער שורה זיינער.

אין אָט די קינדהייט־לידער פאַרשווינדט כמעט אינגאַנצן כמעלניצקי דער דעקאַדענט און סקעפּטיקער און מיר זעען דעם אידיליקער, וואָס דערלויבט זיך אַ שמייכל צו געבן צום גליק, כאָטש ס'איז „מאָדנע צו גיין אויף די וועגן פון גליק". דאָס זיינען אויך די איינציקע לידער, וועלכע שמעקן מיט פעלדישער רחבות און זוניקער רו, וואָס דערמאָנט אין דער דאָרפישער פשטות פון שעווטשענקאָ:

האַלב אין גרינס פאַרזונקען שטיבלעך ווייסע שטייען
צווישן קאַרשנביימער, פאַסיקעס מיט האָניק, (זע זייט 15)

דער געבראַכטער ציטאַט קען אויך דינען ווי אַ משל פאַר כמעל־ניצקים נאַטור־ און לאַנדשאַפט־לידער, וואָס פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין זיין שאַפן. זיי זיינען ניט שטענדיק ניי און אייגנאַרטיק — טייל־מאָל שאַקירט אַ בלאַסער אויסדרוק — זיי זיינען אָבער תמיד עכט — און פלאַסטיש. דער וויזועל־מאָלערישער עלעמענט איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר כמעלניצקים אַרבעטס־מעטאָד און דאָס צייכנט זיינע לידער צום גוטן אויס פון דער אַ ביסל צו אַבסטראַקטער אויסגע־פאַלענער, בילד־אָרעמער פּאָעזיע פון ש. י. אימבער און י. מעסטעל, די אַנדערע צוויי מיטשאַפער פון דער מאָדערנער יידישער ליריק אין גאַליציע.

ווי זיינע שטימונגען, איז אויך כמעלניצקים שפּראַך אַ צאַרטע, אַ גוט אַריינגעוועבטע אין דער אָרגאַנישער גאַנצקייט פונעם ליד. זי איז שטיל און איינגעהאַלטן און גיט קיינמאָל ניט מער, ווי זי דאַרף אין קאָנקרעטן פאַל געבן. כמעלניצקי האָט מיטן וואָרט קיין מאָל ניט זשאָנגלירט, ער האָט קיינמאָל ניט געשטרעבט דערצו, אַז דאָס וואָרט זאָל אַריבערוואַקסן דעם תוכן פונעם ליד; ער איז, קורץ גערעדט, קיינמאָל קיין ווירטואָז, קיין „ליטעראַט" ניט געווען. ער האָט אָבער פּאָרט געלעבט אין אַ צייט, ווען מ'האָט די שפּראַך געהאַלטן פאַר דער איינציקער רעאַליטעט, מיט וועלכער ס'האָט זיך „געלוינט" צו מאַכן שותפות — און פון דאַנען נעמט זיך זיין שטרעבן צו פורעמען די לידער אויך לויטן מוזיקאַלישן פּרינציפּ, וואָס איז זינט ווערלענס באַרימטער Art poetique געוואָרן דער עיקר שבעיקר פון דער אימפּרעסיאָניסטישער ליריק. כמעלניצקים ליד „אָ, בייטאָג בין איך גלאַט" געהערט צו דעם שענסטן, וואָס מיר פאַרמאָגן פון דעם דאָ־זיקן מין, און איך נעם מיר דערפאַר דאָס רעכט, צו ציטירן עס בשלימות:

אָ, בייטאָג בין איך גלאַט, ווי אַ רואיקער טייך,
מיט אַ לויטערער טיף, מיט אַ גלאַנציקער פלאַך,
און איך שיין אין דער זון און איך גלאַנץ און איך לאַך,
פאַלט אַ שטיין ווען אויף מיר, צי אַן אומריינע זאַך,
גיט אַ ציטער נאָר קורץ מיין צעבראָכענע פלאַך
און איך ווער ווידער גאַנץ און איך גלאַנץ און איך לאַך.

נאָר ביינאַכט וואַך איך אויף מיט אַ פּיין, מיט אַ שרעק,
כ'טו אַ וואָרף זיך צום ברעג און געפין ניט קיין ברעג,
איך פּיל ווי אַ וואונד יעדן שטיין אויף מיין גרונט,
יעדע אומריינע זאַך שווימט אַרוים אויף מיין פלאַך,
אויף מיין אומרו־צעבראָכענער פלאַך.

ג.

די לידער, אויף וועלכע איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין דעם פריערדיקן פּאַראַגראַף, האָט כמעלניצקי פאַרעפנטלעכט אין דער ערשטער זאַמלונג זיינער, וואָס איז, אונטערן טיטל „אויף אַ שטילער סטעזשקע" אין יאָר 1921 אַרוים אין ווין, וואו ס'האָט זיך אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ דאַנק ב. ראַקער, י. מעס־טעל, מ. זילבערבורג א"אַנד, פאַר אַלעם אָבער אַ דאַנק דער אומדער־מיטלעכער טעטיקייט פון מלך ראַוויטש, געשאַפן אַ גאַנץ נישקשה־דיקער קולטור־צענטער מיט אַן אייגענעם טאָג־בלאַט, קונסט־טעאַ־טער, פאַרלאַג און אַן אייגענער חודש־שריפט און עטלעכע וואָכנ־בלעטער. באַדינט האָט דער דאָזיקער קולטור צענטער די פליטים, וואָס האָבן זיך אַריבערגעראַטעוועט קיין ווין פונם ביטערן ערשטן חורבן גאַליציע און שטאַרק פאַריידישט די פאַרגוויישטע יידן פון ווין. דאָס האָט אויך צוריק פאַרבונדן כמעלניצקין מיט דער יידישער ליטעראַטור, פון וועלכער ער האָט זיך געהאַט אויף אַ צייט דער־ווייטערט, ווען ער איז אין גאַנצן פאַרקראָכן אין זיין מעדיצין־שטו־דיום אין דער פרעמדלעך דייטשישער סביבה פון דער ווינער אוני־ווערזיטעט.

דאָס דערשיינען פון אַ בוך מיט אַזאַ שטילן לעבנסריטם האָט אין אַ צייט, ווען דער עקספּרעסיאָניזם האָט באַרוישט דעם יידישן לייענער מיט מאַרקישעס כאַליאַסטרע־געשריי און מיט ראַוויטשעס נאַקעטער וואָלקן־קראַצער־ליריק, געמוזט זיין אין פּסיכאָלאָגישן זין זייער אומאַקטועל (הגם אין לאָגישן זין איז אַ גוט ליד — אייביק אַקטועל) און די שטילע סטעזשקע איז אין גאַנצן פאַרזען געוואָרן פונם יידישן לייענער.

ניט קיין בעסער מזל האָבן אויך געהאַט זיינע שפּעטערדיקע לי־דער...

זיי ווייזן שוין אַן אַנדער זייט פֿון כמעלניצקיס וועלט. זייער טעמע ברייטערט זיך אויס. צו דער ניט־פּיל־סטרוניקער נאַכט־ און לאַנד־שאַפֿט־ליריק קומט צו דער ביי די ראָמאַנטיקער אַזוי באַליבטער עקזאָטישער שטאָף („אַרוואַונטאַ”, „צו אַ טויבן גאָט”, „ווען איך וואָלט געווען אַ נאַרדפּאַל פֿאַרשער” און „קיבאַנגע־גורו”, וואָס איז בכלל אַ קאַבינעט־שטיק פֿון דער יידישער ליריק) און ס׳אַנטפּלעקט זיך די פֿאַרקערטע זייט פֿון דער אידיליע: דער גראָטעסק.

דאָס אידילישע און גראָטעסקע זיינען אויך די צוויי שטראָמען, וואָס האָבן זיך אַ היבשע צייט געראַנגלט אין כמעלניצקיס שפּעטער־דיקע לידער.

ער גייט נאָך איצט אָפּט „צווישן פֿעלדער” און לויבט די

„קלאָרקייט צייטיקע — באַרואיקטע־מילדע שיין
איבער לאַנדשאַפֿט האַרבסטיקער און לויטערע פֿרימאָרגנס.
דורכזועבאַר איז אַלץ, ניטאָ מער קיין פֿאַרבאָרגנס”.

כדי אין אַ קורצער צייט אַרום צו יאָמערן, אַז

„פֿיין האָט פֿאַרבלענדט מיך אין טויט־שרעק. ס׳נאַרט מיך מיין אייגענער רוף.
קול וויל איך הערן און וואָרט, ניט עכאָ פֿון אייגענעם רוף.
דורכברעכן וויל איך דעם גליווער, כ׳וויל פֿילן און זען און הערן:
גיב מיר אַ צייכן אויף וואָר, אַ בלוטיקע וואונד אויף מיין שטערן!

אָמבולטסטן איז דער גראָטעסק געקומען צום אויסדרוק אין דער פּאָעמע „דער קאַרליק” („צוקונפֿט” 1923, בוכפֿאָרם: 1937), אויף וועלכער איך וועל זיך אָפּשטעלן באַזונדער.

עס איז ניט גרינג צו פֿאַרשטיין כמעלניצקיס „קאַרליק”, ווען מע שטייט אַזוי ווייט פֿון די אַנטפּלעקונגען פֿון פּסיכאָ־אַנאַליז, ווי דער מחבר פֿון די דאָזיקע שורות. אַ געניטער פּסיכאָלאָג וואָלט פֿון דער דיכטונג געקענט אַ סך, זייער אַ סך אַרויסלייענען, אפשר מער ווי כמעלניצקין אַליין וואָלט דאָס געוואָלט גערוואונטשן...

איך וויל דאָ מאַכן בלויז עטלעכע באַמערקונגען, וואָס זאָלן פֿאַרהיטן דעם לייענער פֿון דער פּאָעמע פֿון מאַכן פֿאַלשע אויספֿירן און זען אין איר אַן אַלעגאָריש ווערק מיט אַ — פּאָליטישער טענדענץ,

ווי ס'האָט דאָס אונדז בשעתו געוואָלט איינשמועסן אַ יידישער קריטיקער.

ווי מיר דערמאָנען זיך, האָט כמעלניצקי אין זיינס אַ ליד אַמאָל געזאָגט, אַז „בייטאָג בין איך גלאַט, ווי אַ רואיקער טייך", נאָר ביינאַכט... „ביינאַכט וואַך איך אויף מיט אַ פּיין, מיט אַ שרעק". און אויב כמעלניצקי האָט אין זיינע פריערדיקע לידער געגעבן דאָס טאָגיקע אינעם מענטשן (אפילו וועגן דער נאַכט רעדט ער אַזוי, ווי מע רעדט וועגן איר — בייטאָג) האָט ער אין זיין פּאָעמע געגעבן דאָס נאַכטישע אינעם מענטשן, דאָס טונקעלע, מיט וועלכן מע באַהאַלט זיך אויס, און וואָס שווימט אַרויס אויף דער פלאַך פון אונדזער נשמה, ווען דער באַוואוסטזיין ציט זיך צוריק און אויף זיין אָרט קומט דער חלום און לאָזט פריי צעשפּילן זיך די סודות, וואָס דרעמלען בייטאָג, פאַרשפּאַרטע און פאַרהוילענע פאַר אונדז אַליין, אין די טונקעלע קאַמערן פונעם אונטערבאַוואוסטזיין.

אין דער פּאָעמע פירט אונדז דער דיכטער (אַך, ווי שולמעסיק דער זאַץ קלינגט!) אַריין אין אַ מאָדנער, אויסגעשטאָרבענער וועלט, וואו ס'איז „טויט דער וויסער הימל, ליידיק, אַן אַ זון" און דער צייטבאַגריף ווערט אויסגעלאָשן — ווי אין חלום — פון אונדזער דענקען. אויפן פּאַן פון דער טויטער לאַנדשאַפט באַווייזט זיך דער קאַרליק; ער האַקט אַראָפּ דעם העלד פון דער פּאָעמע דעם קאָפּ און באַפעלט אים מיט ברוטאַלן ציניזם:

— איצטער, קאָפּמענטש, טאַנץ!

דער קאָפּ איז אָפּגעהאַקט, דער באַוואוסטזיין איז טויט. און איצטער קען זיך הפקרדיק צעשפּילן דאָס שוידערלעכע שפּיל פונעם פריי געוואָרענעם אונטערבאַוואוסטזיין. דער קאַרליק פירט דעם „העלד" איבער אַן אויסגעשטאָרבענער, ווי אין חלום גראָטעסק און עקספּרעסיאָניסטיש צעריסענער וועלט און צווינגט אים מיטצומאַכן די פאַרשיידענע געמיינקייטן, צו וועלכע מע קען זיך נאָר מודה זיין — אין חלום. אָבער, ווען דער קאַרליק טרעט איבער די גרענעץ פונעם סאַמע אינטימסטן פונעם מענטשלעכן לעבן—וואַכט אויף דער באַליידיקטער עראָס, דערוואָרגט דעם קאַרליק, און זיגט איבער די פינצטערע דעמאָנען, וואָס דרעמלען אין חושכנישן פון דער מענטשלעכער נשמה.

ווי מען וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן קאָשמאַר, אַזוי וועקט מען זיך אויף, ווען מע לייגט אַוועק די פּאָעמע פון דער האַנט. ווי נאָך אַ שווערן חלום מוז מען זיך אויסוווישן די טראָפּנס שווייס פונעם שטערן און ערשט דעמאָלט קען מען באַטראַכטן קיל און ניכטער די דאָזיקע אינטערעסאַנטע דיכטונג.

ווי אין חלום — איז אויך אין דער פּאָעמע אַלץ אַנדייט און אַנ־צוהערעניש, און אַלץ פול מיט פאַרשלייערטער חלום־סימבאָליק. פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אויף אַלע אַנצוהערענישן און האַלבע־ווערטער צייכנט זיך די פּאָעמע אוים מיט אַ פּרעכטיקער פּלאַסטיק; לעבן דער טאַגיקער, צעשימערטער לאַנדשאַפט פון בער האָראָוויץ — פאַרמאָגט כמעלניצקים נאַכטיש דערשראָקענע לאַנדשאַפט איר אייגענעם ווערט. כמעלניצקים גוטער, מאָלערישער חוש האָט דאָ אַ סך דערגרייכט. אויב ניט צו רעכענען זיין ליד „קיבאַנגע־גורו", איז דאָס אַ דערגרייכונג, וואָס האָט זיך ניט מער איבערגעחזרט אין זיינע שפּעטערדיקע לידער.

די פּאָעמע איז געבליבן אין דער יידישער ליטעראַטור אַן איינ־זאַמע אַליינגייערין. שווער צו געפינען אַ פּאַדים, וואָס זאָל זי באַהעפטן מיט אַנדערע יידישע דיכטונגען. צום מערסטן דערנענטערט זי זיך צום יום־הדין־מאָטיוו אין דער פּוילישער ליריק פון דער ניי־ראָמאַנ־טישער צייט. נאָר ס'איז מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז מיין פּערזענלעכע אַסאָציאַציע.

ד.

כמעלניצקים כוח ליגט ניט אין דער גאַנצקייט פון זיין שאַפן, נאָר אינעם איינצלנעם ליד, אָמאָל אין אַן איינצלנער סטראָף אָדער שורה. פאַר די, פאַר וועלכע די ליטעראַטור איז ניט קיין מאַיעסטע־טישע האַלע מיט אויטאָריטעטן און פאַרגליווערטע דענקמאָלן, פאַר די, וואָס קענען זיך פאַרליבן אין דער שיינקייט פון אַ קליינעם ליד, וועלן עטלעכע לידער כמעלניצקים זיין שטענדיק נאָענט און טייער, און שטענדיק וועלן זיי דערפרייען דאָס האַרץ פון דער קליינער און הייליקער קהילה לידער־לייענער, דערפרייען מיט יענער גרויסער פרייד, וואָס קוואַלט אויך אַרוים פון לידער, געבוירענע אין טרויער.

אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן האָט זיך כמעלניצקי איינ־

טענסיוו באשעפטיקט מיט דער אידייע, ארויסצוגעבן אן אויסקלייב פון זיינע לידער און גענומען זיך ענערגיש צו זאמלען זיינע ארבעטן, וואס זיינען צעזייט און צעשפרייט געווען איבער פארשיידענע זשור-נאלן, און וואס זיינען צום טייל צונויפגענומען געווארן אין צוויי שמאלע ביכלעך. קורץ פארן פארענדיקן די זאמל-ארבעט איז כמעל-ניצקי געשטארבן.

די איצטיקע אויסגאבע, אנגעהויבן פונעם טיטל, ביז צום סדר פון די ציקלען, איז זיך סומך אויף כמעלניצקיס כמעט אינגאנצן פארטיקן מאנוסקריפט. איך האב בלויז צוגעגעבן עטלעכע לידער, וואס כמעל-ניצקי האט געהאט אין זינען איינצושטעלן אין זיין בוך (ווי מע זעט דאס קלאר פון דער לידער-רשימה, וואס ער האט אנסקיצירט) אבער שוין ניט באוויזן איבערצושרייבן פאר זיין כתב-יד-זאמלונג.

ביי דעם צונויפשטעל פון דער איצטיקער אויסגאבע האב איך זיך דערלויבט צו מאכן בלויז א קליינע ענדערונג און אריינגענומען עטלעכע לידער, וואס כמעלניצקי האט ניט געהאט בדעה אריינצו-גלידערן אין זיין בוך; דאס זיינען: די איבערזעצונגען, וואס דער לייענער וועט געפינען אין דער לעצטער אפטיילונג, די סאנעטן „אן אלטער פויער איז געשטארבן", „ביינאכט אין אן עסטרייכיש שטעטל" און די עלעגיע „פארנאכט".

ביים צונויפשטעלן דעם מאנוסקריפט האבן מיר א סך געהאלפן קארלא כמעלניצקי, די פרוי פון פאעט און זיין נאענטער פריינד יצחק שרייער. איך דאנק זיי ביידע גאר הארציק פאר זייער מי.

א באזונדערן דאנק בין איך שולדיק די פריינד: מ. אשעראוויטש, ב. י. ביאלאסטאצקי, י. א. וויסמאן, נ. כאנין, יעקב לעשצינסקי און די פארוואלטונגס-מיטגלידער פונעם „איגנאטאוו-פאנד", בפרט די פריינד דוד פינסקי און אברהם רייזען; אן דער ווערטפולער הילף פון די אויסגערעכנטע שרייבער-קאלעגן וואלט ניט מעגלעך געווען, צו פארעפנטלעכן די זאמלונג.

מענדל נייגרעשל

ניו-יארק, דעצעמבער, 1946.

ביז איצטיקע אויסגאַבעס פון דעם
דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד:

בעריש ווײַנשטיינס
רײַשע (עפּאָפּײע)

ברוך גלאַזמאַנס
ברויט (ראָמאַן)

זישע לאַנדויס
פון דער וועלט פּאָעזיע

ב. ריווקינס
אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע

מלך במעלניצקים
רו און אומרו

די צילן פון דעם פאָנד:

1) **פאַרעפנטלעכן ווערק פון** יינגערע ייִדישע שריפטשטעלער און אויך די ווערק פון די, וואָס זיינען פּריצייטיק אַוועק פון אונז.

2) באַקענען יידן אומעטום מיט דער יידישער וואָרט-שאַפונג אין אַמעריקע.

3) שטיצן און דערמוטיקן אַלע פּראַקטישע פּרואוון צו באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור.